STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10611

FERLIEBTE NESHOMES

Marcel Prevost

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערליעבטע נשמות

פון

מארסעל פרעווא

איבערזעצט פון

מאקס לעווין

פרייז 20 סענט

דריטע אויפלאגע

פערלאג פון

S. KANTROWITZ

129 Lafayette St. New York. N. Y.

די אונשולד

פון פראָפ. פ. מאָנטאַגאַצצאַ

פריי איבערזעצט פון

מ. קאַטץ.

אַ וועלט מיט זיסקייט, אַ וועלט מיט הימלישען געגוס, אַ וועלט מיט פייעריגע ליעבע און איבערגעבענהייט ווערען בעהאַנדעלט און בעשריבען אין די פאָלגענדע קאַפּיטלען:

די שעהמעדיגקייט פון דער פרוי; די יונגפרויליכע אונשולד; די עראָבערונג און די מענשליכע ליידענשאַפט; ווי מען קען די ליעבע אויפהאַלטען און ווי מען קען זי טויטען (אַ לעסאָן ווי צו פיהרען זיך אַלס חתן־כלה און שפּעטער אלס מאַן און פרוי), ווי הויך און טיעף איז די ליעבע; די ליעבע און די אַנדערע געפיהלען.

פּרייז בלויז 15 סענט

די קונסט צו ליבען און געליבט צו ווערען

פון פראָפ. פ מאָנטעגאַצצא

איבערזעצט פון

מ. קאַטץ.

ווען איהר לעזט דיזען בוך 10 מאָל איז עס ניט צו פיעל. ווען איהר זייט אַלט 18 יאָהר, זייט איהר ניט צו יונג צו לעזען דיזען בוך און ווען איהר זייט שוין אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ באָבע, אַ זיידע, זייט איהר קיין מאָל ניט צו אַלט צו לעזען די סודות פון לעבען, וואָס ווערען בעשריבען אין דיעזען בוך.

פּרייז בלויז 15 סענט

סודות פון אַ יונגער ווייבעל

פון מאַרסעל פרעוואָ.

איבערזעצט פון מ. לעווין.

אַ 19 יעהריגע מיידעל געהט הייראַטהען, דאס האַרץ שרעקט איהר, זי שטעלט זיך פאָר זאַכען, וואָס איהר דוכט זיך גאָר, אָבער זי ווייס ניט בעשטימט. זי מאַכט זיך איהרע פּלענער צו דער הייראַטהס־נאַכט: אַזוי וועט זי מיט איהר מאַן ריידען, אַזוי וועט זי זיך פיהרען די ערשטע נאַכט איינע אַליין מיט אַ פרעמדען מאַן אין איין צימער. און ענדליך קומט די ווירקליכקייט, און — עס איז עפּעס יאָ דאָ, וואָס זי האָט ערוואַרטעט, און ניט דאָס.

פּרייז בלויז 15 סענט.

פערליבטע נשמות

ערבארעמט זיך

(א פרויס א בריעף צו איהר געליעבטע)

גאט מיינער! וויא לאנג עס האט גענומען, זשאק איידער איך האב זיך ענטשלאָסען אָנצושרייבען אייך! וויפיעל מאהל איך האב אנגעהויבען א בריעף, צוריסען איהם, און וויעדער זיך גענומען פאר דער פען! איך וויים ניט, צו איך וועל ענדיגען אויך דיעזען בריעף. אימער פיהל איך פאר אייך אזא מורא, זשאק!... ווען איהר קוקט אויף מיר מיט אייערע גרויסע. שעהנע אויגען, הער איך אויף צו פערשטעהען מיינע איינענע ווערטער, אלע געדאנקען פליהען אזוי וויא ארויס פון מיין קאפּ... עס איז מיר אזוי אנגענעהם צו זיצען לעבען אייך, און דאך וואלט איך געוואלט אנטלויפען ערגיץ, זיך בעהאלטען אין א פינסטער ווינקעלע וואו איהר זאלט מיך ניט קענען זעהען. אבער, זשאק, איך בעט אייך, לאכט פון מיר ניט, לעזענדיג דיזען בריעף!...

זעהט איהר, זשאק, איך האב פיעל געטראכט וועגען דעם: אי פאר מיין מאן, פאר מיין ארימע לואי, אי פאר מיר איז געווען א גרויסער אונגליק, וואס איהר ביידע האט זיך בעגעגנט אין קאלע. דאָרט איז אייך, אויסער לואי, ניט געווען מיט וועמען צו רעדען, און ער איז דאך אזא גוטער, אזא בעהילפינער, ער איז אזוי ענטציקט פון אייך האט זיך בעפריינדעט. אבער נאכהער, ווען יעדערער פון אייך האט זיך צוריק־געקעהרט צו זיין אלטעגליכען לעבען, האט איהר דערזעהען, אז איהר בעלאנגט ניט צו איין געזעלשאפט, אז איהר געפינט זיך אין גאנץ פער־שיעדענע מאטעריעלע לאגעס... איך וויים, איך בין א פוסטע, נארישע פרוי, אבער איך האב גוט געזעהען, ווי עס האט אייך איבערראשט אונזער איינפאך לעבע, ווען איהר האט צום ערשטען מאהל געגעסען,

מיטאג ביי אונז. און מיר האבען עס זיך אזוי געסטארעט וועגען דיעזען דינער! א גאנצע וואך האבען מיר גערעדט נור וועגען איהם. צום אונגליק, האבען מיר דאך ניט געקענט אויסבייטען דיא וואהנונג, דיא מעבעל דיא דיענסטען! לואי פערדיענט דאך אין מיניסטעריום נור פיער טויזענד פראנק!

איך פערזיכער אייך, איך האב פיעל געליטען יענעם אבענד, עס האט מיר געשיינט, אז, אוועקגעהענדיג פון אונז, וועט איהר לאכען פון אלעם: פון מיר, פון לואי, און פון דעם עסען, און פון דער וואהנונג, און פון דער דיענסט, און לואי האט זיך אויך געשראקען דערפאר; מיר האבען ניט געוואגט צו רעדען וועגען דעם איינער מיט'ן צווייטען, אבער עס איז אונזביידען געווען אזוי טרויעריג אויף'ן הארצען, און מיר האבען ביידע געטראכט: „עס איז איהם געווען לאנגווייליג ביי אונז, מיר זיינען ערשיענען פאר איהם אלס אזעלכע קליינינקע מענשעלאך! וויא דען, ער קומט דאך יעדען טאג אין דער געזעלשאפט פון געזאנדטע! ער וועט שוין מעהר ניט קומען צו אונז!“

אבער איהר זייט געקומען און האט אנגעהויבען אפט אריינקומען צו אונז. מיר זיינען ביידע געווען אזוי גליקליך, בעזאנדערס לואי! צוערשט פלעג איך אזוי פערשעהמט ווערען אין אייער אנוועזענהייט, אז עס האט מיר אזש וועה געטהאן, נאכהער, ווען איך האב זיך אביסעל צוגעוואהנט האבען אייערע בעזוכען פערשאפט מיר אן אונגעהייערען פערגעניגען... איך האב ניט געקענט פערשטהען, וויא צו דערזעלבער צייט, וואס איהר קומט אריין אין דיא הויכע געזעלשאפטען, שפאצירט אין בולאנער וואלד, זעהט אזוי פיעל קלוגע, געלערנטע, שעהנע פרויען, —פועלט איהר ביי זיך צו פערלירען שטונדען מיט מיר, אזא נארישער, אזא ניט גראציעזער... און ווען איהר, — געדענקט איהר עס, זשאק! — האט גענומען מיין האנד און האט אנגעהויבען רעדען צו מיר אזעלכע צארטע ווערטער, אז איך בין א שעהנינקע, אז איהר דענקט וועגען מיר אפט, אז איהר האט מיך ליעב,—האט זיך מיר געדוכט, אז עס איז א חלום...

און דער חלום איז געווען אזוי גוט, אז איך וואלט געוואלט שוין קיינמאהל זיך ניט אויפכאפּען.. איהר האט אזוי צארט גערעדט מיט מיר ! איהר האט געזאגט, אז איהר אַכטעט מיך, אז איך בין אן עהרליכע פרוי ; אז איהר וואלט פאר קיין זאך אין דער וועלט ניט געוואָלט, איך זאל פאלען, און אז איהר ליעבט צו שטארק לואי'ן. אום צו נארען איהם. איהר האט נור געבעטען, איך זאל אייך ערלויבען צו ליעבען מיך, האב איך אייך דען געקענט אָבזאָגען ?... איך האב געדענקט, אז מען קען זיך ליעבען און בלייבען ביים שכל...

און ביסלעכווייז, קיין מאהל ניט צושטעהענדיג, האט איהר געפּועלט ביי מיר דאס, אויף וואס איך וואלט פריהער אויף קיין פאר איינגעשטימט ! אך, זשאק ! וויא גוט איהר קענט דיא פרויען ! איך פיהל, אז אין אייערע הענד ווער איך אן אנדער מענש, אז מיין ווילען פערשווינדעט ערגיץ. אָבער וויא נור איהר פרלאזט מיך, נעה איך אראב פון זינען פאר געוויסענסביסע... האב איך נאך א רעכט צו רעכענען זיך פאר אן עהרליכע פרוי ? — דאכט זיך, אז ניין : אזוי פיהל איך זיך אליין שולדיג. אבער איך בין נאך ניט בענאננגען כאָטש דעם לעצטען פעהלער, נאך ווּעלכען איך וואלט מעהר ניט געקענט קוקען לואי'ן אין דיא אויגען, און איך בעט אייך, זשאק, — ערבארעמט זיך אויף מיר, קיילעט מיך ניט אוועק, פערשמוצט מיך ניט...

איהר טאָרט מיך מעהר ניט זעהן, זשאק, איך האב אייך צו־שטארק ליעב. איך האב מעהר קיין קרעפטען ניט צו קעמפּפען, און איך פיהל, אז איך וואלט זיך אָבגעגעבען צו אייך ביי אייער ערשטען פערזוך...
און דאס וואלט דאך געווען אזוי שרעקליך ! מיין אָרימער לואי ליעבט דאך מיך אזוי הייס, און ער אכטעט אייך אזוי ! ער איז אזא גוטער, ער ארבייט אזוי שווער צוליעב מיר ! וואס פאר א ווערדע האב איך פאר אייך, פאר אזא מענשען, וויא איהר ? א שפּילעכעל בלויז, אקאפּריז ! און פאר לואין בין איך אלעס : ער האט דאך מעהר ניט וועמען צו ליעבען, ווען ער דערוויסט זיך אפילו קיינמאהל ניט , וואלט איך געשטארבען

פאר שאנדע און צער, וואס איך נאר איהם : א! ווען ער דער־
ווייסט זיך יא דעם אמת, וואלט ער עס ניט איבערגע..בט, און מיר
ביידע וואלטען געווען זיינע מערדער!

און דאן, זשאק, בעגרייפט דאך : איך גלויב, אז יעצט פיהלט
איהר נאך עטוואס צו מיר : אבער ווען איך ווער אייערע, וואלט דאס
אלעס באלד פערשווינדען, און איהר וואלט אין גיכען נאר אוועק פון
מיר, און איך וואלט שטארק געליטען דערפון, הויכגעשעטצטע דאמען,
וועלכע איהר האט ליעב, האלטען אייך לעבען זיך, ווייל זייא זיינען
גראציעז, ווייל זיי קענען גוט רעדען, ווייל זיי ווייסען וועגען פיעלע אזעלכע
זאכען, וועלכע מען האט מיך קיין מאהל ניט געלערנט... און איך בין
דאך א נארישע פרוי, אוז איך קען נור ליעב האבען אייך...

ווייסט איהר, זשאק, וואס איך טענה צו זיך אליין, ווען איך שלאף
ניט און דענק וועגען דעם, וואס איהר בעט מיך? איך זאג צו זיך אליין
„זשאק האט מיך ניט ליעב; אבער איך קעמפף געגען איהם אביסעל
מעהר, וויא אנדערע פרויען, ארום וועלכע ער דרעהט זיך, ווען איך וועל
זיך איהם איבערגעבען, וועט ער זיך בערוהיגען, ער שטרעבט נאך מיר
אוים זעלבסט־ליעבע.“ דיזער געדאנק גיט מיר קרעפטען צו קעמפפען.
צו שרייבען אייך דיעזען בריעף...

טא ווייסט זשע, זשאק! אויב איהר ווילט בעזיצען מיך אוים
זעלבסט־ליעבע, דאן קענט איהר זיין צופריעדען : געהער איך דען ניט
אייך? איך בעט דאך אייך צו ערבארמען זיך אויף מיר, מיין עהרע איז
דאך אין אייערע הענד!.. ערבארמט זיך, זשאק, האט רחמנות! עס
וועלען זיך געפינען אנדערע פרויען, וועלכע וועלען אייך ליעב האבען,
איהר וועט אימער גליקליך זיין; מיר אבער מיט לואי'ן פערמאגען איין
איין קלייניגקעס גליק; מיר האבען זיך ליעב. טוט נור א טראכט, וויא
גרויזאם עס וואלט געווען צו צושטערען דיעזען גליק, און ערפילט מיין
ביטע...

איהר וועט זיא ערפילען, איך בין זיכער אין דעם, ווייל איהר זייט

א גוטער און עהרליכער מענש... איך האב נור מורא... לאכט נים פון מיר, זשאק, — איך האב נור מורא. אז פארט, מיעך אין אייער הארצען האט איהר מיך ליעב, און אז עס וועט אייך אביסעל וועה טאהן נים צו זעהן מיך... טא זייט זשע נים אין כעס אויף מיר, מיין טהייערער! איך בין אין פערצווייפלונג דערפון, וואס איך מוז אייך פערשאפען אפילו א קליינעם וועהטאג; אבער איך קען אייך נור בעטען צו פערצייהען מיך.. איך בעט אייך זעהר, דערמאהנט נים צו שלעכטען אייער קליינע פריינדין; זיא האט אייך זעהר ליעב געהאט, זיא וואלט זעהר געוואלט צו זיין אין גאנצען, אין גאנצען אייערע, און זיא וועט אייך דערמאהנען א לאנגע, לאנגע צייט נאכדעם, וויא איהר וועט זיא פערגעסען...

אייערע...

איבערגעבענהייט

(א בריעף פון א דיענסט צו איהר בעל הבית'טע,)

אזוי וויא דיא באראנעססע האט מיר געהייסען און אזוי וויא זיא מיט'ן הערר באראן האבען בעשלאסען, בין איך אוועקגעפאהרען מיט'ן הערר באראן קיין רואן, וואוהין ער איז אוועק איבעצונעהמען דיא ירושה, וואס איז פערבליעבען נאך דער מאנאסטיר-אויפזעהערין דעוואראנזשוויל.

דיא מאדאם וועט אומזיסט מיינען אז איך האב פערגעסען זייערע בעפעהלע: צו שיקען זיי א טעלעגראמע, אויב דער באראן וועט ענדערן דעם טאג פון אברייזע. בעזאנדערס אויב עס וועט איהם אויסקומען צו קומען קיין פאריז ביינאכט. דיא מאדאם טרויעט מיר דאך, און זיא וועט דארום מיר ערלויבען צו זאגען פאלגענדעס: איך האב געוואוסט, אז זיא וועט זיך בענוצען מיט דעם באראן'ס אבוועזענהייט, אום אריבער-

צופאהרען קיין פאָנטענעבלאָ צום הערר קאפּיטאָן. דיא מאדאם נעניסט דאך אזוי וועניג פרייהייט!

אבער אלעס איז ניט נעגאנגען אזוי, וויא מיר האבען גערייגקט. איך האב ניט געקענט אין צייט ערפאהרען ווען דער בּאראָן קלייבט זיך אוועקצופאָהרען; און איך מוז דערצעהלען דער מאדאב, וואס ער האט פּאסירט. אבער זאל דיא מאדאם און דער הערר קאפּיטאָן ניט זאָרגען. דער הערר בּאראָן לייגט אָב זיין צוריקקעהרען קיין פּאריז, הייגט אין דער פריה האט ער מיר געזאגט: דאָ איז גוט. איך וויל דאָ נאך פערבּלייבען א צוויי דריי טעג."

דיא מאדאם מוז צוערשט וויסען, אום זיא זאל אלעס פּערשטהען, אז דער הערר בּאראָן האט מיך שוין לאנג פערפאָלגט אין דער היים. איך האב עס ניט דערצעהלט דער מאדאם, ווייל מיט א דיענסט, וויא איך, —איז עס ניט וויכטיג, און דאן בּין איך אין אלגעמיין ניט געוואָהנט זיך קלאָגען אויף דיא בעלי־בתים; דערצו, האב איך זיך קיין מאָל קיין זאך ניט ערלויבט, — דיא מאדאם מעג מיר טרויען. אין דאך איז דער בּאראָן שטארק צוגעשטאנען! אזוי ווייט, אז, ווען ער איז געווען ערגיץ אין א צימער, האב איך זיך שון ניט ענטשלאָסען אריינצוקומען אהין. ער האָט מיך געקושט, אונטער דעם מאדאם'ס פּלייצע. אויף דער נאכט, ווען דער הערר און דיא מאדאם האבען מיר געהייסען זיך זעצען מיט זיי אין דער קאָרעטע, אום צו פאָהרען צום באנהויף, ווייל דער פּלאץ לעבען אָנטרייבער איז געווען פערנומען מיט'ן קאסטען, — אך, ווען דיא מאדאם וויים נור, וויפיעל עס האט מיך אָבגעקאָסט ניט א נעשריי צו טהאָן! און דיא מאדאם וויים דאך, וויא איך האָב מורא פאר קיצלען!.

יא, מען קען קען זאגען, דיא לאנע פון דער דיענסט איז אמאָל זעהר א שווערע, בעזאָנדערס ווען זיא איז איבערגעגעבען איהרע בעלי־בּתים.

און נור אום צו טהאָן א געפאלען דער מאדאם, בּין איך געפאָהרען קיין רואן. איך האָב פערדעכטיגט, אז דער הערר בּאראָן וועט זיך בּענוצען דערמיט. וואס מיר וועלען זיין אליין. און וועט ווידער אנהויבּען

מיט זיינע נארישקייטען. אזוי איז טאקע געווען. פאר אלעם האט ער געוואלט, איך זאל פאהרען מיט איהם אין ערשטען קלאס אבער אוים פארזיכטיגקייט האב איך נאך מיט א טאג פריהער גענומען א טיקעט אויפ'ן באנהויף טערמיניוס, און ווען דער בעל־הבית האט געקויפט זיין טיקעט, האב איך זיך צוגעאיילט צו פערנעהמען א פלאץ אין צווייטען קלאס. דאן איז ער געקומען אין מיין קאר. איך האב געמוזט קעמפפען מיט איהם און פערטהיידיגען זיך אזש ביז מאנטא, ווייל נור מיר אליין האבען זיך געפונען אין קאר, דער בעל־הבית און איך. צום גליק, זיינען אין מאנטא אריינגעקומען מאנאשקעס, און דער באראן איז אוועק אין זיין אבטהיילונג.

אבער אין רואן, אין דער קארעטע, וועלכע מיר האבען געדונגען ביים באנהויף, אום צו פאהרען צום הויז פון דער פערשטארבענער מאדאם אויפזועהערין, האט דער הערר באראן ווידער אנגעהויבען...איך קען זאגען דער מאדאם, אז נור ווען מיר זיינען אנגעקומען, האב איך זיך אביסעל בערוהיגט: אין דער אנוועזענהייט פון דער פערשטארבענע־ר'ס צוויי אלטע בעדיענער, יאאכים און אורסולע, האט זיך דער הערר באראן ניט ערלויבט צו מוטשען מיך. דיזע צוויי אלטיטשקע זיינען גאר ניט ליעבליך: עפעס א מאנאך און א מאנאשקע. עס עקעלט מיך אזוי צו עסען מיט זיי. און דער הערר באראן האט אבער דאך גוט געהאנ־דעלט וואס ער האט מיך מיט זיך גענומען. ווייל זיי האבען קיין אהנונג ניט, וויא צו בעדיענען אן אנשטענדיגען מענשען, דיא מאדאם וועט עס גאר ניט גלויבען, — זיי האבען זיך אזוי פערוואונדערט, ווען איך האב אין דער פריה אריינגעטראגען דעם העררווארעמע וואסער אום זיך איינצוואשען.

געוויס, האב איך געהארכזאם בעדיענט דעם בעל־הבית, אבער עס האט מיך שטארק געערגערט, וואס איך דארף זיך דיא גאנצע צייט פערטהיידיגען געגען זיינע אנפאלע. ער האט געוואלט, איך זאל איהם אין דער פריה אנטהאן, וויא פראנסוא טהוט עס אין פאריז, און איך

זאל איהם בעגיסען מיט וואסער, ווייל דא איז ניטא קיין טוש, דיא מאדאם קען זיך פארשטעלען, וויא דאס איז אונאנשטענדי"ג! בייטאג האב איך נעקענט אביסעל קומען צו זיך, ווייל דער הערר באראָן האט האט געהאט געשעפטען, און ער האט זיך צוריקגעקעהרט נור צום עסען, אבער דיא צווייטע נאכט האט ער מיר געהייסען זיך לייגען שלאפען אין דעם צימער לעבען זיין שלאף צימער, זאגענדיג, אז ער לייד'עט אמאל פון שלאפלאָזיגקייט, מיט'ן מאגען, און עס העלפט איהם אויסצוטרינקען עפּעס װארעמס.. האט איהר בעדארפט זעהען, וואס פאר א פנים'ער דיא אלטיטשקע האבען געמאכט, ווען איך האב צורעכט געמאכט מיין בעט! זיי האבען זיך אפילו ניט געקענט איינהאלטען אין דער אנוועזענ-הייט פון דעם הערר באראָן. יאָאכים האט געבורטשעט: „דאס איז אונמענגליך!" דיא אלטע פרוי האט גערעדט: „דאס איז א שאנדע! עפּעס אן אויסגעלאסענע פרוי שלאפט דא, לעבען דעם צימער פון דער פריצ'טע, װעלכע איז געװען א הייליגע!" איך האב זיך געמאכט, װיא ניט הערענדיג. אבער דאך איז עס שווער צו הערען, ווען מען רופט דיך אויסגעלאסענע פרוי, ווען דוא ביסט אן עהרליך מיידעל, און דיא מאדאם ווייסט: איך בין אן עהרליך מיידעל.

איך האב זיך, זעלבסטפערשטענדליך, אנגעשטויסען, וואס דעם הערר באראָן ווילט זיך, און האב דארום אויף ביינאכט פערשלאסען דיא טהיר. איך האב רוהיג געשלאפען; פּלוצלונג האט מיך אויפגעוועקט א גערויש. דאס האט ער געקלאפּט, געפּרופט אויפעפענען דיא טהיר איך בין געבליעבען ליעגען, ער האט מיך אנגערופען ביים נאמען: „אנטואנעט! אנטואנעט!" איך האב געפרעגט: וואס ווילט איהר, פריץ?" „אנטואנעטע, עס טהוט מיר וועה דער בויך! מאכט מיר, קינד מיינס, א קאפּע ראָמאשקע!" איך האב זיך געטראכט: „עס קען זיין אפילו אז דעם הערר טוטשעט נים דער בויך, אבער איך מוז טהאן וואס ער הייסט מיר" און א האלבע שטונדע ארום איז דיא ראָמאשקע געווען פארטיג. איך האב געמוזט עפענען דיא טהיר, אום אריינצוטראגען,

זיא דעם הערר. ווען איך בין אריינגעגאנגען האט דער הערר ווידער אנגעהויבען צוצושטעהען צו מיר, און האט מיך אזוי גענומשעט, אז איך האב אראבגעלאָזט דיא קאָפּע, און דיא גאנצע ראָמאַשקע האט זיך צונאָסען איבער דער פאָדלאָגע. איך האב זיך שיעור ניט צואוויינט: האט מיך דער הערר דאן אנגענומען פאר דיא הענד, האט מיך א קוש געטהאָן, און האט געזאָגט, אז ער האט מיך שוין לאנג ליעב, אז ער וועט מיך פערזאָרגען, אויב איך וועל זיין גוט צו איהם; אז ער וועט מיר אויסמעבלירען א הויז לעבען זיין האָטעל, אז איך בין צו א שעהנע, אום צו פערבלייבען א דיענסט, און זאָ ווייטער, איך האב איהם געדאנקט און געזאָגט, אז איך קען עס ניט טהאָן.

—דער טייוועל נעהם עס! — האט געענטפערט דער הערר — וואָסזשע ווילסטו? געפעהל איך דען דיר ניט?

— דער הערר באראָן וויים זעהר גוט, אז דאס איז ניט אמת. דער הערר באראָן איז זעהר א שעהנער מאנסביל, און ער געפעלט מיר אזוי גוט וויא אלעמען.

— אויב אזוי, וואס־זשע ביסטו דאגעגען, באלד איך געפעהל דיר?

— דער הערר פערגעם דיא מאדאם באראָנעססע, און דערצו בין איך אן עהרליכע מיידעל.

— נאַרעלע, דיא מאדאם וועט פון קיין זאך ניט וויסען. און וועגען דעם, וואס דוא ביסט אן עהרליכע מיידעל, — וויל איך גאר ניט, זאלסט ווערען א גאסען־פרוי. ווען דוא וועסט האבען אן איינענע וואָהנונג, דארפסטו זיין אזוי קלוג, וויא איצט... איך וועל שוין צו־קלעהרען פאר דיר א בעשעפטיגונג.

און דער הערר איז געוואָרען נאך דרייסטער. אבער ער האט פערשטאנען, אז איך שפאס ניט, אז מען קען ניט נעהמען אן עהרליכע מיידעל, ווען זיא וויל עס ניט.

ענדליך איז ער אין כעס געוואָרען, ער האט אנגעהויבען רעדען נאַרישקייטען, האט מיר געהייסען געהן צו זיך אין צימער, און האט

אליין פערשפארט דיא טיהר. עס איז מיר געווען אונאנגענעהם, וואס ער בייזערט זיך, אבער דאך איז עס געווען אן גענעהם, וואס איך קען זיך צולעגען.

איך האב ווידער פארבאריקאדירט דיא טהיר צו זיין זיכער, דיא מאדאם ווייסט דאך, וואס דיא מענער זיינען !... אבער ער האט שוין דיא גאנצע צייט מיך ניט געטשעפט...

אויף מארגען, — דאס איז געווען מאנטאג, — האט ער זיך געבייזערט אויף מיר ; זיין געזיכט איז געווען זעהר בייז, ער האט אפילו ניט גערעדט צו מיר, איך האב דוקא געוואלט איהם פרעגען, צו ער דענקט אוועקפאהרען דיענסטאג אין דער פריה ; אבער ווירקליך, דיא מאדאם מוז מיר פערצייהען : ער איז געווען אזא בייזער, אז איך האב ניט געוואגט אויסצורעדען א ווארט צו איהם. דעם גאנצען טאג איז ער, וויא אימער, ניט געווען צו הויז : ער איז אויך ניט געקומען צום דינער, דער זייגער האט געשלאגען האלב נאך אכט : ער איז אריין צו מיר אין צימער און האט געזאגט :

— אנטואנעטע, לייגט צונויף אייערע זאכען און מיינע, מיר ועלען אוועקפאהרען מיט'ן טריין צעהן דעם זייגער.

— מארגען אין דער פריה ?

— ניין היינט אבענד באלד... איך האב פערענדיגט מיינע געשעפטען, און איך האב ניט דעם מינדעסטען וואונש צו פערבלייבען אן איבריגע נאכט אין דיזען שמוציגען שטעטעל...

דיא מאדאם קען זיך פארשטעלען מיין לאגע ! דער טעלעגראף איז שוין געווען פערשפארט, און איך האב ניט געקענט לאזען וויסען דיא מאדאם ; און דאן האב איך זיך אנגעשטויסען, וויא איך האב שוין געשריבען, אז דיא מאדאם איז גאר מיט'ן הערר קאפיטאן. איך האב זיך פארגעשטעלט, וויא מיר וועלען קומען אהיים נאך האלבע נאכט און ניט טרעפען דיא מאדאם, אדער דערוויסען מיט איהר דעם הערר קאפיטאן !...

דער הערר באראָן האט בעמערקט מיין פערלעגענהייט.

— איהר האט מיך, ווייזט אויס, ניט פערשטאנען, אנטואנעטע? וואס איז מיט אייך? ווארום מאכט איהר אזא געזיכט?

פלוצלונג איז מיר עפּעס איינגעפאלען, און איך האב געענטפערט:

איך האב מורא, דער הערר באראָן פארט אוועק אזוי שנעל, ווייל ער איז אונצופריעדען מיט מיר... איך האב ניט געוואלט פערשאפען דעם הערר אונאנגענעהמליכעס... ווען איך וויים, אז מיר וועלען פאהרען היינט אבענד...

דעם הערר'ס געזיכט איז ליכטיג געווארען.

— וואס זשע וואלסטו געטהאן, ווען דוא ווייסט?... וואלסט ניט געוועזען אזא עקשען'טע? יא?... זאָג.

ער האט מיך גענומען פאר דער מאָרדעטשקע... דיזען מאהל האב איך ניט'געוואגט צו אנטלויפען: ניט וואהר, עס איז דאך בעסער אלעס, וואס עס זאל ניט זיין, אבי אנצו-וועהרען דעם טריין? בעמערקענדיג דאס האט ער זיך אנגעהויבען אויפפיהרען, וויא מיט א טאג פריהער, האט מיך געטוליעט. געטוליעט צו זיך. איך האב איהם שוין ניט שטארק אבגעשטופט, איך האב געלאכט און ווירערהאָלט:

— זעהט נור, פּריץ, איהר וועט פערשפעטיגען צום טריין!

— דער טייוועל נעהם איהם, דעם טריין! — האט געענטפערט דער באראָן.

ענדליך... וויא זאל איך עס זאגען דער מאדאם... איך האב ניט געקענט נור לאכען און שפּאסען... ניט ווילענדיג האב איך זיך געמוזט אונטערגעבען דעם הערר באראָן. איך קען פערזיכערען דיא מאדאם, עס איז ניט געבליבען קיין אנדער וועג צו צווינגען איהם צו פערשפּעטיגען דעם טריין...

איך וועל ניט דערצעהלען דער מאדאם, וויא אזוי עס האט זיך געענדיגט דיא נאכט. עס פערשטעהט זיך, דער הער באראן האט מיר ניט ערלויבט צו פערשפארען דיא טהיר צו מיר אין צימער. און עס וואלט

דאָך ניט געהאלפען. איך האב געדענקט, מיר וועלען אבפאהרען היינט אין דער פריה 8 דעם זייגער, אָבער דער. פריץ וויל שוין ניט פאהרען; ער זאגט, רואַן געפעלט איהם, ער וויל מיט מיר מאַכען איינינע לוסט־רייזען אונטער'ן שטאָדט.

איך בין געוועזען פּענהערציג מיט דער מאדאם; זיא ווייסט יעצט דעם גאנצען אמת, זיא ווייסט אז איך האב געהאנדעלט אזוי אום צו טהאן איהר א טובה; אויב דער אלטער מאַנאך מיט דער אלטיטשקער וועלען אנשרייבען דער מאדאם עפּעס אנדערש, וועט עס זיין א ליגען איך וואלט געוואלט, דיא מאדאם זאל מיר זאגען, וויא איך זאל יעצט האנדלען. אויב זיא וועט הייסען וועל איך זיך זאָפאָרט צוריק קעהרען קיין פאריז; אויב אבער זיא וויל נאך אביסעל בענוצען זיך מיט דער פרייהייט, וועל איך זיכער קענען איינהאלטען דאָ דעם פריץ.

דער הערר פאדערט זעהער פיעל. און צו זאמען מיט דער טענ־ליכער ארבייט, מאטערט עס מיך אוים. ווען דיא מאדאם וויל אבער איך זאל פערבלייבען דא, בין איך צופריעדען צו טהאן עס אוים איבער־נעבענהייט צו דער מאדאם און וועל דיינקען אז זיא איז גליקליך מיט'ן הערר קאפּיטאַן.

פאר'ן טויט

(א פרוי צו איהר געליעבטען)

איך שעהם זיך אזוי פאר אייך. לואי, איך האב אזוי מורא, איהר זאלט זיך ניט לוסטיג מאכען איבער מיינע „סענטימענטאליטעטען" — וויא איהר האט ליעב צו זאגען — אז לאנג האב איך זיך ניט געקענט ענטשליסען אנצושרייבען אייך דיזען בריעף, צו דערצעהלען אייך אלעס.

איך ווייס — איך בין א פּוסטע, נארישע, אונענטוויקעלטע פרוי, א גאנץ געוויינליכע, זעהער עהנליך צו אלע אנדערע פרויען. ווען איך

וויל אויסדריקען וואס איך פיהל, פאלען מיר איין דיא געוויינליכסטע ווערטער, און פיהלען פיהל איך פשוט, — פונקט אזוי, וויא עס פיהלט ווארשיינליך, יעדע פערליעבטע פרוי... און אייך, לואי, שיינט עס אלעס אוים געמיין. איך האב מורא, אז אויך יעצט וועט איהר לאכען פון מיר, וועט מיר אנרופען נאריש, סענטימענטאל.

טהייערער מיינער, ווען איהר וועט לעזען דיזע שורות, וועל איך שוין ניט זיין צווישען דיא לעבעדיגע. איך האב אנגעשריבען דיזע פראזע, וועלכע איך האב זיכער פיעלע מאהל געהערט און געלעזען, וועלכע מען שרייבט געוועהנליך אין מיינע לאגע — און איך האב זיך באלד דערשראָ־קען פאר איהר; איך האב מורא, זיא וועט אייך מאכען צום לאכען, איהר וועט זיא אנרופען אויסגעדראָשען; באנאל, מעלאָדראמאטיש, ארויס־גענומען פון עפעס א בילינען ראָמאן... נאָט וויפיעל מאהל איך האב שוין געהערט פון אייך דיזע פארווירפע! אבער וואס זשע זאל איך טהאן אז איך קען ניט געפינען קיין אנדערע ווערטער. אז איך ווייס ניט, וויא עס אנדערש צו ערקלעהרען אייך... און דאך, לואי, איז עס אן אמת: אייער סעסיל וועט אויפהערען צו לעבען, איידער איהר וועט ערהאלטען דיזען בריעף...

טאַ לאכט זשע ניט, אום גאָטעס ווילען, מיין טהייערער לואי, כאָטש יעצט האט רחמנות אויף מיר! עס איז דאך אזוי טרויעריג צו שטארבען יונג, געזונד, נור דערפאר וואס דוא ווילסט שטארבען, וואס דוא האסט שוין ניט מעהר קיין קרעפטען אריבערצוטראגען דיין אונגליק האט זשע אביסעל רחמנות אויף מיר, נעהמט אויף מיין טויט ערענסט, אָהן שפאָט, איך בעט ביי אייך נור איין זאך, מיין פריינד: ערלויבט מיר דעם לעצטען מאל, איידער איך וועל פערשווינדען, צו זאגען אייך אָפענהערציג אלעס, מיט וואס עס איז פול מיין אָרים נאריש הארץ, — צו זאגען אייך. וויא איך האב אייך ליעב געהאט, וויא איך האב געליטען. הערט מיך אוים און לאכט ניט פון אייער אונגליקליכער סעסיל, רופט ניט איהרע שמעוודיגע ווערטער „סענטימענטאליטעטען“.

מעהר וועט זיא אייך שוין ניט אויפרעגען, וועט אייך ניט שאָקירען. טאָ לאכט זשע ניט פון מיר...

איהר האט אפילו קיין מאָהל ניט פערדעכטיגט, לואי, יענע צערטליכקייט, יענע וואהנזיניגע צערטליכקייט צו אייך, וועלכע האט מיך איבערפיללט... אין נאמען פון גאט, פאר וועמעס געריכט איך וועל זיך באלד שטעלען, שווער איך אייך — איהר זייט געוועזן מיין ערשטע ליעבע, איך האב אייך אוועקגעגעבען א ניט בעריהרטעס הארץ און אן אונשולדיגען קערפער . . .

איך האב אייך פערגעטערט, איך האב געוואָלט זיין אייערע — און איך האב זיך אונטערגעגעבען, ווייל עס האט זיך מיר געדוכט, אז איהר האט מיך ליידענשאפטליך געליעבט. געליעבט? וואָס איך דען אויסצורעדען דיזעס וואָרט, וועלכעס רעגט אייך אויף, וועלכעס ברייגגט אייך ארויס פון דיא כלים אָדער צווינגט אייך צו לאכען בייז? וויא אָפט עס פלעגט מיר ארויפקומען אויף דיא ליפען אין דער ערשטער צייט פון אונזער צוזאמענקונפט! אָבער איהר האָט מיך שנעל אָבגעוועהנט פון ארויסצורעדען איהם.. יעדען מאהל, ווען איך, בעהערשט פון אן אנפאל פון צערטליכקייט, האָב ארומגענומען מיט דיא הענד אייער האלז, און פון דער טיעפעניס פון אן איבערפולטען הארץ האָבען זיך ארויסגעריסען ליעבעס - ווערטער, — האָט איהר בעגעגענט דיזע שעהמעוודיגע ערקלעהרונגען מיט אייער קאַלטען שפּאָט און שטעכווערטליך, און פון זיי האָט א וויטאָג צוזאמענגעדריקט מיין אָרימעס הארץ.

איהר זייט דאָך ניט קיין שלעכטער, לואי. פאר וואָס זשע האט איהר מיך געצוואונגען אזוי שטארק צו ליידען? יא, איהר האט גאר ניט געקענט מיין הארץ, איהר האט קיין פערזוך ניט געמאכט אריינ־צוקוקען אין איהם, איהר זייט געוועזן איבערצייגט, אז איהר ברייגגט מיר פאלשטענדיגעס גליק; האט איהר דען ניט געשאפען פאר מיר א פרעהליך, רוישענד, אנציהענד לעבען, אין וועלכען עס האבען זיך אונ־אויפהערליך געביטען יום טובים, פיק־ניקס, רייסעס, סאפּערס, רייזען

קיין מאַנטע קארלאַ ? א שרעקליך לעבען ! וויפיעל צרות עס האט מיר פערשאפט, וויפיעל ביטערע טרערען איך האב פערגאסען, אז איהר זאָלט ניט זעהען ! איך בין וואהרשיינליך, געבוירען געוואָרען פאר גאָר אַן אנדער לעבען — פאר אַן איינפאכען, שטילען גליק; איך האב ניט געהאט קיין גלענצענדע וועלטליכע טאלאנטען, אָבער איך האב געהאט מעהר הארץ, מעהר דורשט נאָך צערטליכקייטען, וויא ביי צוואנציג פון דיעזע שעהנהייטען... און איך האב געמוזט בעהאלטען מיין צערטליכקייט מיין ענדלאָזע ליעבע— איך האב אימער בעדארפט ליידען דערפון, וואס איך האב ניט געפונען אין זיך קיין גלאנץ, קיין שארפזינען. און איך האב געליטען, לואי, אבער געליטען נור איבער אייך, ווייל איך האב געזעהען וויא עס האט אייך בעצויבערט דיעזער גלאנץ, דיעזער שארפזינען אין אנדערע, און וויא עס האט אייך געערגערט, אויפגערעגט דיא שוויי־גענדע שעהמעוודיגקייט פון אייער געליעבטער... וויפיעל צרות עס האבען מיר פערשאפט אייערע פאָרווירפע, מיט וועלכע איהר האט מיך אלע ווייכע בעשאָטען ! איך האב געהאט איין ענטשולדיגונג : „אַן אנדערע וועט זיין קליגער, — פלעג איך אייך זאָגען, — אבער זיא וועט אייך ווייניגער ליעבען !" און איך האב אליין געפיהלט, אז דערפון פלעג איך נאָך מעהר אראָבפאלען אין אייערע אויגען. „זעהר איז מיר נויטהיג דיא דיא ליעבע," — האט איהר מיר אמאָל געענטפערט : „ווייניגער הויכע ווערטער וועגען ליעבע און מעהר עלעגאנץ ! ווען ניט איז בעסער הייראַטען ! . . ."

... איהר האט ניט געהייראט, אבער איהר האט גענארט אייער ארעמע סעסיל מיט אנדערע פרויען, וועלכע האבען אייך געשיינט אינטער־עסאנטער, וויא זיא, און איהר האט עס געטאהן מיט געוואנטער אָפענהערציגקייט, אָהן א פערזוך צו פערבאָרגען פון מיר אייערע פער־ראַטהען. איהר האט מיר כמעט דערצעהלט פון זיי ; וועניגסטענס, זייט איהר געווען אזוי וועניג פאָרזיכטיג און איינגעהאלטען אין אייערע ווערטער, אז איך האב יעדעס מאל געטראפען דעם אמת. און מיט א

צובראָכען הארץ האב איך געמוזט שווייגען, איך האב ניט געטאָרט וויינען, ניט געוואָגט צו מאכען אייך פאָרווירפע... נור איין מאהל האב איך ניט געקענט בעהאלטען מיין טרויער . האט איהר א קוק געטהאָן אויף מיר מיט דער אָפענסטער ערשטוינונג און האט געזאָגט :

—וואס ? אייפערזוכט ? האבען מיר זיך דען געשווארען טרייהייט? זיינען מיר דען ניט פריי ? איהר געפעהלט מיר, איך געפעל אייך, זיינען מיר זיך צוזאמען געקומען, אום וואס פרעהליכער דורכצומאכען אונזער לעבען, — און דאס איז אלעס. אבער ביי יעדען פון אונז בלייבט דאך, דאנקען גאט, אונזער אונאבהענגינקייט !

איך האב זיך אנגעשטרענגט צו האנדלען וויא איהר פערשטעהט. איך האב זיך אָנגעשטרענגט, איך שווער אייך, גוט נאכצודענקען, איך האב געפרופט צו בעטראכטען דאס לעבען און דיא ליעבע אזוי, וויא איהר טהוט עס : וואס פראסטער... מיט אלע קרעפטען האב איך זיך אָנגעשטרענגט צו זיין קאלטבלוטיג, ניט וויינען, ווען איהר האט מיך גענארט, ניט ליידען, איך האב פערזוכט צו זיין פרעהליך, צו לאכען, ווען אין הארצען איז געווען טויט, ווען דיעזעס אָרעמע האָרץ האט זיך צוריסען אויף שטיקער. כמעט א גאנץ יאָהר האב איך געשפילט מיט אייך און מיט זיך אליין דיעזע טרויעריגע קאָמעדיע. איך קען זיך בעריהמען מיט איין ערפאָלג,— אפילו אייך האב איך אבגענארט, אפילו איהר האט געגלויבט אז ענדליך האב איך זיך אין גאנצען אויסגעהיילט פון דיעזע סענטימענטאליטעטען, פון מיינע ביליגע ראָמאנען, אז איך האב אָנגעהויבען בעטראכטען אלעס פון א שפאסהאפטען שטאנדפונקט,— און איהר האט מיך גראטולירט מיט אזא ענדערונג...

איהר האט זיך גענארט !.. איך האב מער קיין קרעפטען ניט צו קעמפפען און צו מאסקעס... מיין ראָלע האט מיך פערמאטערט, פערמוטשעט, און מיט אבשוי ווארף איך זיא אוועק פון זיך, איך וויל נאך איין מאָל ערשיינען, וויא איך בין, צייגען אייך מיין אמת'ע נשמה. איהר דארפט זיך דערוויסען, וויא איך האב געליטען, וויא יעדער פון אייערע

קאפריזען האט־אויסגעריסען א טהייל פון מיין צואוועהטאָנדיג הארץ, וויא איהר האט א גאנץ יאהר, אָהן רחמנות און ניט וויסענדיג עס אליין, געריסען מיין הארץ און אפילו איין מאל עס ניט אָנגעווארעמט מיט אן ערענסטער צערטליכקייט!

איך ווייס, ניט איהר זייט שולדיג אין דעם, — שולדיג איז דער צופאל, וועלכער האט עס פעראייניגט אונז, וואס מיר זיינען אזוי וועניג בעשאפען איינער פאר'ן צווייטען. איך בין זיכער, עס וועט אייך שטארק פערוואונדערען, וואס אייער קליינע סעסיל האט פארגעצויגען צו שטארבען. אבי ניט צו לעבען, אזא שרעקליך, פרעהליך לעבען, וויא איהר האט געשאפען פאר מיר . . . אבער איהר וועט, פיעלייכט, דאן פערשטעהן, אז עס עקזיסטירט אויך אן אנדער ליעבע, אויסער יענער, וועלכע איהר ווייסט, — א ליעבע, וועלכע שפאסט ניט, קען ניט בעטר־אכטען אלעס „פראסט,‟ וועלכע ליידעט, פערגיסט טרעהרען און בלוט און שטארבט אין מאטערניסען... און איהר וועט ניט טהאן אנדערע דאס שלעכטס, וואס איהר האט מיר געטהאן...

פערצייהט, מיין טהייערער! איך געה אוועק אין אן אנדער וועלט, ניט בעשולדיגענדיג אייך. מיין ארעמעס הארץ געהערט אייך וויא אימער. באלד וועל איך אָנצינדען א פייער אין אויוועז, זיך אריינלעגען אין בעט, און אין א שטונדע ארום וועט שוין זיין נאָך אלעמען... ניט וואהר, איך שטארב אזוי, וויא אייך געפעלט: אָהן רעש, אָהן בלוט, און קיינער, אויסער אייך, וועט ניט וויסען, פון וואס איך בין געשטארבען, כאטש צוליעב דעם זאלט איהר ניט שפאסען איבער מיין טויט, רופט זיא ניט אן ראָמאנטיש! אך מיין טהייערער, איך וואָלט געוואָלט שטארבען נאָך שטילער, מיט נאך וועניגער רעש, ווערען גאר־גאר קליין, אונבע־דייטענד און אזוי פערשווינדען אויף אייביג! . . . לאכט פון מיר ניט.. פערגעסט מיך ניט צו שנעל. . . איך ליעב אייך נאך אלץ ... זייט געזונד, מיין טהייערער...

פאר איהר זינד

(פון א מאָנאשקע|צו אן אָפיציער).

וואו וועט אייך געפינען, פריינד מיינער, דיעזער בריעף, וועלכען איך שרייב איז מיין ערשטען מאָנאסטיר־צימערעל ? אָט איז שוין א יאָהר אוועק, זייט איך האב פערלאזען דיא וועלט, און איך ווייס ניט, וואו איהר געפינט זיך יעצט ; איך האב צוריסען מיט מיין גאנצער פערגאנגענהייט און עס דערגרייכען מיר ניט קיינע ידיעות ניט וועגען פאטער, ניט וועגען דיא שוועסטער, ניט וועגען אייך, טהייערער פריינד, וועמען איך האב אזוי שטארק געליעבט ! יעצט איז מיין שיקזאל פעסט ענטשיעדען, און דיעזע נייע לאגע גיט מיר קרעפטען אָנצושרייבען אייך איינינע שורות, ערקלעהרען אייך מיין האנדלונג און צו געזעגענען זיך מיט אייך.

איך ווייס ניט אייער אדרעס און איך שרייב אויפ'ן נאמען פון אייער ארעמער פאָלק ; אז גאָט וועט וועלען וועט דער בריעף צו אייך אָנקומען.

איך האב אייך הייס געליעבט, מיין פריינד, איך האב אייך געליעבט פיעל שטארקער און אָנגעהויבען ליעבען פיעל פריהער, וויא איהר דענקט, געדענקט איהר יענע צייט, ווען מיר זיינען נאך קינדער געוועזן ? געדענקט איהר, וויא מיר האבען זיך געשפיעלט צוזאמען אונזערע עלטערען האבען מיט ליעבע געקוקט אויף אונז און, שמייכלענדיג געזאָגט : „וואס פאר א פיין פאָרעל עס וועט ארויס קומען פון זיי !“ . . . איהר האט פערשטעהט זיך, ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט דיעזע ווערטער, איהר האט זיי ניט פערשטאנען, אבער איך, איך האב זיך נייגעריג צוגעהערט צו זיי, און זיי זיינען טיעף אריינגעפאלען אין מיין

מעהר עמפפינדליכע קאפ, און מיין מעהר געפיהלפולע הארץ פון א מיידעל, יא מיין טהייערער, שוין דאן זיינט איהר געווארען אלעס, דער צענטער פון אלע מיינע געדאנקען, פון אלע מיינע טרוימען. אבער איהר האט נים בעמערקט מיין שעהמעוודיגע צערטליכקייט, יענע גליקליכע אויפרעגונג, וועלכע האט מיך בעהערשט לעבען אייך, איהר האט מיר צו וועניג אויפמערקזאמקייט געשענקט.

מיר זיינען געוואקסען, מור זיינען אלץ וועניגער צחאמען, מיר האבען אלץ זעלטענער זיך געשפיעלט צוזאמען... און ניכען האבען מיר זיך אין גאנצען צושיידט: איהר זיינט אוועקגעפאהרען און בעטראכטען א שוהלע, איך — אין מאנאסטיר־שוהלע, זייט זיך מודה, איהר האט שנעל פערגעסען אייער חבר'טע און האט אויפגעהערט צו דענקען אפילו וועגען איהר? און איך — איך האב געטראכט נור וועגען אייך; אלעס, יעדע קלייניגקייט האט מיך געצוואונגען צו דערמאהנען, צו טרוימען וועגען אייך. עפעס א פריינדליגע פלענט הייראטען — און איך האב זיך געטראכט: „ווען עס איז, וועל איך אויך אוועק פון דאנען, אום צו הייראטען העקטארען!“... יעדעס מאהל, וואס איך האב בעגעגענט דאס ווארט „ליעבע“ אין יענע נאאיווע ראמאנען, וועלכע מען האט אונז דאן געגעבען צום לעזען, האב איך געפיהלט, וויא עס האט זיך זיס צו־זאמענגעדריקט דיא הארץ אין ברוסט, ווייל דיא ליעבע פאר מיר, מיין טהייערער, האט פארגעשטעלט איהר, נור איהר אליין. דאס ווארט האט פערלארען יעדע בעדייטונג פאר מיר אהן דער עראינערונג וועגען אייך, נור איין זאך האב איך מיט טרעהרען געבעטען ביי גאט: „מאך אזוי, אז איך זאל ווען דיא פרוי פון העקטאר!“ נור וועגען איין זאך האב איך געטרוימט — אימער צו זיין לעבען אייך, קיין מאהל, ביז צום טוידט זיך נים צו שיידען מיט אייך...

אזוי איז אוועק א יאהר נאך א יאהר. מיר האבען זיך בעגעגענט זעהר זעלטען, און יעדעס מאהל האט איהר געשיינט צו זיין אזוי גראציעז אזוי שעהן אין אייער גימנאזיסטישער קעפ און בלויען מונדיר, און זיך

האב איך גערעכענט פאר אזוי מיאוס, נים ריהרעוודיג שעהמעוודיג, אז איך האב געברענט, פאר שאנדע, ווען אייערע אויגען פלעגען זיך צופעליג אָבשטעלען אויף מיר.

ווען איהר זייט אריבער אין צווייטען קלאס פון דער סען־סיר שוהלע, האט מען מיך אָנגעהויבען אריינפיהרען אין דער הויכער געזעלשאפט.

יעצט, ווען איך בין אן ארימע מאָנאשקע, וואס האט זיך אָבגע־זאָגט פון אלעס און יאָגט זיך נים נאך גלאַנץ, יעצט מעג איך רעדען אָפענהערציג: מיין ערשיינונג אין דער געזעלשאפט איז געווען פאר מיר אן אמת'ער טריאומף. אין דיא אויגען פון פרויען האב איך קלאָהר געלעזען פערוואונדערונג, קנאה, אייפערזוכט; אין דיא אויגען פון מענער — ענטציקונג, ליידענשאפט... אבער דיעזע אלע סמנים פון מיין שעהנהייט, האבען מיך שטאלץ געמאכט נור צוליעב אייך, מיין טהייע־רער פריינד, נור דערפאר, וואס זיי האבען מיך ערמוטהיגט, אויפגע־האלטען אין מיר דיא ליכטיגע האפנונג אויף אייער ליעבע. ווען ער וועט מיך דערזעהען,״ — האב איך זיך געטראכט — „וועט ער דערזעהען מיין שעהנהייט, ער וועט זיך פערליעבען אין מיר!״ איך שווער אייך, אז קיין מאהל האבען מיינע ערפאָלגען אין דער געזעלשאפט נים ארויסגערופען אין מיר קיין אנדער געדאנק, נים פערשאפט מיר קיין אנדער׳ פרייד!

עס איז אוועק דער ווינטער, עס איז אוועק דער פריהלינג, אין מיטען יולי, צוויי וואכען נאך אייער ארויסטרעטען פון דער סען־סיר שוהלע, זייט איהר געקומען קיין בריער. טהייערער מיינער! נאָט האָט מיר געגעבען קרעפטען צו צורייסען מיט׳ן לעבען און זיינע פריידען, זיך אָבזאָגען פון דעם פערבאָרגענעם טרוים — צו זיין אייער ווייב, צו זיין דיא מוטער פון אייערע קינדער, אָבער ער האט מיר נאך נים געגעבען קיינע קרעפטען צו האסען דיעזע שטונדען, דיעזע טעג, וואס האבען גע־פאָלגט נאך אונזער בעגעגענים... געגען מיין ווילען שטעהען אויף אין מיינע ערינערונגען אלע איינצעלהייטען פון דיזע טעג פול מיט

צערטליכקייט, אלע שטיגען איבער וועלכע עס איז אזו שנעל אוועק אונזער געפיהל. ווידער לעב איך איבער יענע מינוט, ווען, איז גאנצען אויפציטערענדיג, בין איך אריין אין זאאל און דערזעהען אייך, אין אייערע רייזע קליידער, נאך מיט שטויב בעדעקטע... איהר זייט געשטאנען ביים פענסטער און גערעדט מיט מיין פאטער; אזוי וויא יעצט, זעה איך יענע פריידענס־פערוואונדרונג און ענטציקונג, מיט וועלכע איהר האט מיר אויסגעצויגען אייער האנד, דיא אויפרעגונג, וואס האט א קלונג געטהאן אין אייער קול, האט א שיין געטהאן אין איערע אויגען, אין אלע אייערע בעוועגונגען, און וועלכע האט מיך אנגעפילט מיט דער ווארעמער שיינענדער האפנונג, האט זיך אבגערופען טיעף אין מיין נשמה מיט'ן זיעגרייכען אויסגעשריי: „ער וועט מיך ליעב קריעגען!“...

און עס זיינען אנגעקומען געטליכע, אונפערגעסליכע פאר מיר טעג קען איך דען ווען עס איז פערגעסען אונזערע לאנגע, הארציגע געשפרע־כען, אונזערע שטילע, דונקעלע פלוידערייען, און דאן דיא ערשטע שעה־מעוודיגע ווידוי'ם, קוים הערבארע, ציטעריגע ווערטער פון ליעבע, פורכט־זאמע בעריהרונגען פון דיא ציטערענדע פאר גליקליכער אויפרעגונג הענד דאס האסטיגע שלאגען פון אן איבערפילטען הארץ?

אך! איך האב אייך צו שטארק געליעבט!

אין דיעזע אונשולדיג צערטליכקייטען האב איך שוין געהערט צו אייך... האב איך דען געקענט ניט וועלען דאס, וואס וואלט אייך גליקליך געמאכט? האב איך זיך געקענט פארשטעלען עטוואס שעהנע־רעס, עטוואס טהייערערס פאר מיר, וויא צו ערפילען אייער פערלאנג? מיר זיינען געווען אונבעוואפענט איינער געגען אנדערען...

דאס וואס האט געמוזט געשעהען, איז געשעהען. ווער איז שולדיג אין דעם? זייט איהר עס, אדער איך, אדער דיעזע ווארימע שטיקענדע אנוסט נאכט, וועלכע האט זיך אריינגעריסען צו אונז אין דיא האלב אפענע פענסטער צוזאמען מיט'ן אטהעם פון דעם איינגעד־רעמעלטען גארטען, מיט'ן שטילען גערויש פון בלעטער און ריטמישע

טענער פון דיא כוואליעס אין טייך, מיט דיזע אלע זומער קולות, וועלכע האבען אונז דערמאהנט אן אונזערע צארטע ווערטער, האנד בעריהרונגען קושען!...

נור ווען אין דיא פענסטער האבען אריינגעקוקט די ערשטע בלייכע שטראלען פון דער אויפגעהענדער זונן, און איהר זייט אוועק פון מיר נור דאן, ווען איך בין געבליבען אליין— איז אראבגעפאלען דער שלייער פון מיינע אויגען, און איך האב קלאהר דערזעהען, וואס איך האב בעגאנגען.

„איך בין זיין ליעבהאבערין, ל י ע ב ה א ב ע ר י ן!" האב איך געזאגט צו זיך אליין, און דאס ווארט איז געוואקסען און זיך צו־וואקסען, האט געברענט מיט א העלען פלאם און בעגאסען מיט ליכט אלעס, וואס איך האב פריהער ניט פערשטאנען, אלע סודות פון דער מענש־ליבער ליעבע. יא, איך בין געוועזען אייער ליעבהאבערין, עטוואס בעשטימ־טעס, און מעהר פאר דעם האב איך שוין פאר אייך ניט געקענט זיין, עטוואס גאנץ פערשיעדענעס פון דעם, ווענען וואס איך האב געטרוימט פון קינדהייט אן. און איך האב קלאהר דערזעהען, אז איך האב צו־בראכען מיין טרוים, אז איך האב איהם אויף אייביג אבגעריסען פון דער ווירקליכקייט. „זיי געזונד, מיין טהייערער טרוים — האב איך געשעפעצט און טרעהערען זיינען אין ריינע טראפענס געפאלען אויף מיין ברוסט — יעצט קען איך שוין ניט זיין זיין פרוי!" א, העקטאר! פערשטעהט מיך! אויף קיין מינוט האב איך ניט געצווייפעלט אין אייער ערליכקייט, איך בין געוועזען זיכער און גלויב אויך יעצט, אז איהר וואלט מיר געזאגט: "זייט מיין פרוי." אבער דאס האט ניט געטארט געשעהען! איך, וואס האב אייך אזוי וואהנזיניג געליעבט, האב אימער געהאט איין וואונש, איין טרוים: צו געבען אייך אין מיר דיא צערטליכסטע, דיא ריינסטע ווייב... יעצט האב איך אייך געקענט געבען נור א צוקנייטשטע נשמה און א צוקנייטשטען גוף...

דער לעצטער געליבטער

(א פרויס א בריעף)

דוא פרעגסט מיך, טהייערע מאטילדע, אין דיין לעצטען בריעף, וואס איז מיט מיר, האסט יסורים וועגען מיין געזונד! איך וויס, האסט מיך ווירקליך ליעב! מיין לאנגעס שוויינען האט דיך דערשראָקען, שיינט דיר צו זיין א סימן, אז איך בין זעהר דערשלאָגען. און אזוי, וויא דוא, מיין גוטער, אלטער פריינד, וויסט, וואס פאר א שרעקליכער דונער עס האט מיך געטראפען מיט פינף מאָנאט צוריק, איז בעשטעהסטו מיט צערטליכער אונבעשיידענהייט, איך זאל דיר ופערטרויען מיינע ליידען.

נו יא, מיין טהייערע, איך האב געוויינט, איך האב געליטען, איך בין געוועזן גרייט ארויפצולעגען אויף זיך דיא הענד, ווען פיער דעלאוואַ האט מיך אזוי גראָב אוועקגעוואָרפען. און איך האב קיין מאהל קיינעם אזוי הייס ניט געליעבט וויא איהם!... דאן האט עטוואָס גאנץ אונ־ערוואַרטעטעס מיר צוריקגעגעבען דיא האָפנונג האט מיר געגעבע: קרעפטען צו לעבען... און יעצט האב איך זיך געטרייסט, האב איך זיך בערוהיגט, בין כמעט גליקליך...

אלעס, וואס איך האב נור וואס אָנגעשריעבען, וועט זיין פול פאר דיר מיט וואס געהיימניספאָלעס, וועט דיר שיינען צו זיין עפעס א מין רעטעניש. הער־זשע מיך אויס און וועסט מיך פערשטעהען. ערלויבט מיר נור אומצוקערען זיך אביסעל צוריק, צו דער צייט, באלד נאך אונזער שיידונג.

וואַרשיינליך געדענקסטו נאך ביי וועלכע אומשטענדען איך האב געהייראַט מיט ניינצעהן יאָהר צוריק אַלפרעד קוטעליע. געד־ענקסט דעם לעצטען זומער, וועלכען מיר האבען פערבראכט צוזאמען

אויפ'ן לאנד פון אונזערע עלטערען אין סופיז. אך, וואָס פאר א פראכט־פאָלער, פרעהליכער זומער, דאָס איז געווען! ענדליך, זיינען מיר ביידע געווען פריי, האבען זיך געפיהלט אין גאנצען ערוואקסענע. פאר אונז האט זיך אימער געפונען געסט. וואס פאר דרייסטע פלענער מיר האבען זיך דאן געמאהלען, געהענדיג איבער דיא אלעען פון גרויסען פארק! דו האסט געטרוימט צו הייראטען א קאָנזול, אום אוועקצופאָהרען מיט איהם ערגעץ אין אויסטראַליען. ווען איך דערמאהן עס יעצט, דיעזע ליידענשאפט צו אויסטראַליען, קען איך זיך נור וואונדערען; אָבער דאַן אין יענער וויטער צייט, האט זיא מיר געשיינט צו זיין אזוי נאטירליך, אזוי פערשטענדליך, און איך האב זיך ניט געשטעלט קיינע קשיות... א טהייערע צייט פון וואהנזיניגע טרוימען! דוא האסט געטרוימט וועגען אויסטראַליען, און איך האב קלוג בעשלאסען, אז איך וועל אוועקגעבען מיין לעבען נור אן אָפיציער און דערצו אונבעדינגט א קאַוואלעריע אָפיציער!...

האב איך דען געקענט דאַן שענקען עפּעס אויפמערקזאמקייט דיעזען קליינעם קוטעליע, כמעט אין דיעזעלבע יאָהרען מיט מיר, וואס איז נור ארויס פון דער אינזשעניער שוהלע, און איז געווען אזוי שעהמע־וודיג, אזוי שרעקעדיג, מיט אזעלכע ניט־ריהרעוודיגע מאניערען! ווען דער פאטער האט מיר איין מאָהל אין אבענד ערקלעהרט, אז ער וועט מאקע זיין מיין מאן, — האב איך זיך צולאַכט נאָכהער צרוויינט. דיעזער אינגליאק. — מיין מאן!... מיין מאן! און איך האב דאָך מיט פעראַכטונג געקוקט אויף מענער, יונגער פוז פינף און דרייסיג יאָהר, ווען זיי זיינען געווען סיווילע, און — גידעריגער פון א קאפיטאַן, ווען זיי האבען געטראָגען א יוניפארם!... נור וואס האב איך געקענט טאָהן! איך האב זיך אונטערגעגעבען, וויא מיר, ארימע מיידלאך, געבען זיך אימער אונטער דער הייראט — צוליעב דער הייראט זעלבסט, צוליעב שענע הייראטס־פרעזענטען, דער פייערליכע צערעמאָניע, דער רייזע. וויזיטען, וויזיט־קארטען מיט „הערר און מאדאם..." און זא ווייטער און זאָ

ווייטער. נארישע מיידלאך!

מיין מאן, ניט אכטענדיג דערויף, וואס ער האט אויסגעזעהען אזוי יונג, איז געווען זעהר ליעבליך און אין אלע הינזיכטען א גוטער מאן. ער האט געהאַט א היבש פערמעגען נאך זיין מוטער, ער האט אויסגעצייכענט, אלס דריטער שילער, געענדיגט זיין שוהלע, עס האט איהם אלזאָ ערוואַרטעט א גלענצענדע קאַריערע; שוין דאן האט ער פערנומען נים קיין שלעכטע שטעלע אויף דער אָרלעאַנער באַהן, ענדליך ער האט מיך פערגעטערט. נור אזוי וויא פאר אונזער חתונה, אזוי אויך נאָך איהר, האב איך אויף קיין פאַל ניט געקענט בעטראַכטען איהם ערנסט, זעהען אין איהם אן אמת'ען מאַנסביל, א מאַן, בעזאָנדערס— נאָך דער חתונה. דער אָרימער אינגעל איז געווען אזוי אונערפאַהרען, אזוי אונגעשיקט.. דיעזע ערשטע שילער פון אלערליי הויבע שוהלען זיינען אימער אזעלכע...

דעסטאָ ערנער פאר זיי: זייערע פרויען האָבען דערביי צוויי אורזאכען צו נאַרען זיי. די צווייטע אורזאכע איז. וואס דיעזע מענער האָבען אימער פיעלע שוהל־חברים, וועלכע הויבען זיי אָן בעזוכען און זאָגען זיי „דוא.“

און ברוזשע, וואוהין דער אינספעקטאָר פון דער ליניע האט גע־שיקט אלפערדען אין צוויי חדשים ארום נאָך דער חתונה, האָבען דעם ארסענאַל און דיא פּאָליטעכנישע שוהל מיך אוועקגעהרג'עט. אלע צוויי טעג האט אלפערד געבראַכט מיט זיך עפּעס א גיגאַנט מיט פערדערע־הטע וואָנצעס, אין א בעשטענדיגען מונדיר און מיט א קלינגענדער שפּאָגע.

—טהייערע אלבערטינא, — פלעגט ער מיר זאָגען. — ערלויב מיר פאָרצושטעלען דיר דעם מאן, ארבייטס קאָללעגע (אדער מיין אלטען פריינד. מיין נייעם מיטארבייטער און זאָ וו.) איינער פון דיא גלענצענדסטע אָפיציערען פון אונזער ארטילעריע.

און זיי פלעגען שנעל אריבערגעהען אויף „דוא,“ ווען איינע־

הויבט אזוי שנעל אָן צו זאָגען דעם מאן „דוא“, איז ער נאַטירליך געני־ייגט אנצוהויבען שנעל צו זאָגען "דוא" דער פרוי אויך... יעדענפאלס טהייערע מאַטילדאַ, פאסירט כמעט אימער אזוי... דאס איז געוועזן דיא צייט פון מיין אמת — וואהנזיניגער יוגענד און געדויערט האט עס גאנצע אכט יאָהר; עס איז מיר שוין געוואָרען 28 יאָהר. איך ווייס נים. אויב איך האב עמיצען געליעבט פאר דער גאנצער צייט. איך האב זיך אבגע־געבען יעדען, יעדען, וועלכער איז מיר עטוואס געפעלען געוואָרען, נים נאַכטראַכטענדיג, נים אויסרעכענענדיג, נים דענקענדיג, ווענען דעם, וויא טיעף עס זיינען יענע געפיהלען, וועלכע איך האב ארויסגערופען, און וויא לאַנג זיי וועלען אָנהאלטען איך דארף, נאַטירליך, נים צוגעבען אז אלפערד האט קיין זאך נים בעמערקט און האט פאַרטגעזעצט מיר צו בריינגען אלערליי אלטע פריינד און נייע מיטארבייטער...

איך בין שוין געוועזן דרייסיג יאָהר אלט, און איך גיב צו, איך בין שנעל געפאלען איבער'ן גאנץ געפעהרליכען בארג אראָב, ווען דער שיקזאל האט זיך ערבארעמט איבער מיר. איך האב בעגעגענט פיער דעלאוואָ ער האט מיך פערהאלטען און גערעטעט. פיער איז געוועזן פיערציג יאהר אלט: ער איז געוועזן א פראָווינציעלער דאָקטער און איז געוועזן גאנץ בעוואוסט אין יענע פיער, פינף דיסטריקטען, פאר וועלכע דיא שטאדט בורזש אין דער צענטער און דיא הויפט שטאָדט. אין אונזער הויז איז ער ערשיענען אלעס דאָקטאָר, ווען איך האב אפט אנגעהויבען ליידען פון נערוועזע אָנפעלע. און פון ערשטען בליק האב איך זיך פערליעבט אין איהם.

איך בעשטעה אויף דיעזע ווערטער — „פון ערשטען בליק,“ ווייל דיא ליידענשאפט האט אויפגעפלאַקערט אין מיר, ווירקליך, מיט אמאהל אין דעם מאמענט, ווען איך האב בעגעגענט ־יעם שעהנעם, קרעפטיגען מאנסביל, וועלכער האט מיט'ן געזיכט דערמאהנט א שפאניער. דיעזע ליידען שאפט האט מיך אין גאנצען בעהערשט. און ער האט מיך ליעב געקראָגען. צום ערשטען מאהל האב איך דערפיהלט, אז מען האט מיך

ליעב גוט, טיעף, און נור מיך אליין; צום ערשטען מאהל בין איך געווען בעהערשט פון אן אנדער ווילען, א שטארקערען, וויא מיינער, — און האב זיך אונטערגעגעבען אן ענטציקטע, א בעגליקטע ... אומזיסט האט מיר אלפערד פארגעשטעלט זיינע נייע פריינד, איך האב זיי מעהר קיין אויפמערקזאמקייט נעשענקט. ער אליין, מיין ארעמער אלפערד, וועמעס צערטליכקייטען איך האב ביז דאן געדולדיג אריי־בערגעטראגען, האט זיך געמוזט אבזאגען פון זיי: פיער האט עס געפא־דערט, און איך האב איהם מיט פרייד געפאלגט, צוטראכטענדיג עפעס א געפעהרליכע קראנקהייט, אום זיך רעכטפערטיגען פאר'ן מאן...

יאהרען זיינען אוועק נאך יאהרען, דיא בעסטע יאהרען פון מיין לעבען, יאהרען פון ריינער ליעבע,— און אונזער ליידענשאפט, אי פיער'ס, אי מיינע איז ניט שוואכער געווארען, איך האב מיט זיי רעכט געמאכט מיינע פערגאנגענע יאהרען, ווען איך האב אזוי משונהדיג צושאטען צערטליכ־קייטען, ווען דאס הארץ איז אבגעשטארבען. מיין גאנץ לעבען האט זיך אבגעשטעלט אויף פיער'ן; אלעס אנדערס אין מיך ניט אנגעגאנגען מיין טרייהייט צו איהם האט געקענט דיענען פאר היסטארשען ביישפי־על! צו האט אלפערד געוואוסט די ערנידריגענדע פאר איהם ווארהייט? איך בין געניינט צו דענקען, אז ער עס האט געוואוסט; אבער דער ער־האבענער כאראקטער פון מיין מאן מאכט אונמעגליך יעדען געדאנק ועגען „קוקען צווישען דיא פינגער.“ געוויס האט ער זיך אנגעשטויסען, אז מיר ליעבען איינע דעם צווייטען, אבער מיין קראנקהייט, אין וועלכע ער האט ניט אויפגעהערט צו גלויבען, האט איהם געשיינט צו זיין א גענוגענדע בעשיצונג געגען נעהענטערע בעציהונגען צו פיערען, און, הויפ־טזעכליך, זיין פערעהרען מיך (ער האב עס מיר גאנץ אפט אליין וויעדער־האלט) האט איהם ניט ערלויבט צו פערדעכטיגען אפילו, אז איך קען פאלען, וויא עס זאל דארטען ניט זיין, אויב ער האט אפילו געזעהען, אויב ער האט אפילו געליטען — האט ער זיך אונטערגעגעבען און געשוויגען.

און פלוצלונג, וויא ער האט זיך אנגעהויבען.

אין איין פריהמארגען — וויא קלאהר איך עראינערע מיך אן דיעזען קאלטען אפריל־מארגען! — האב איך ערהאלטען פון פיער'ן א בריעף פון פאריז, אז ער הייראטעט. ער האט געהייראט עפעס א פאריזער זיעבען-און־צוואנציג-יאהריגע אלמנה, „אבער ער איז דאך שוין געוועזען פופציג יאהר אלט„ וועסטו זיך פערוואונדערען. יא, אפילו מעהר, און דאך, שווער איך דיר, דאס איז געוועזען דערזועלבער שטארקער שעה־נער מאן מיט'ן קאפ פון א גלאדיאטאר. וועלכער האט בעזיעגט מיין הארץ מיט צעהן יאהר צוריק; דער עלטער איז קראפטלאז געגען דיעזע פערנאמענט געזיכטער.

א גאנצע טאג מיט א גאנצע נאכט בין איך געוועזען וויא פער־יווערט. א דונער האט מיך געטראפען. אין קאפ האט זיך קיין איין גע־דאנק ניט בעמערקט, דאן בין איך אריינגעפאלען אין א שרעקליכע קדחת און עטליכע וואכען נאכאנאנד בין איך ווירקליך געוועזען „צווישען לעבען און טוידש.״ ווען איך בין געקומען צו זיך, האב איך דערזעהען ביי מיין צוקאפענס מיין מאן וועלכער איז דיא גאנצע צייט ארומגעגאנגען ארום מיר, וויא מען האט מיר נאכהער געזאגט, מיט דער צארטער זארגזא־מקייט פון א ליעבענדער מוטער. און אזוי האט ער פארטגעזעצט צו בע־דיענען מיר טרעפענדיג יעדען פערלאנג מיינעם, ערפילענדיג יעדען קאפריז מיינעם, דיא גאנצע צייט פון מיין לאנגזאמער ערהאלונג. און ווען מיין לעבען און מיין זינען זיינען שוין געוועזען אויסער געפאהר, — האט ער געהיילט מיין צוועהטאגטע נשמה, האט זיא געטרייסט, געדאקטערט איהרע וואונדען מיט זיינע שטילע, ליעבע ווערטער, מיט זיינע ווייכע, מילדע צערטליכקייטען... איך האב געוויינט, געוויינט אהן א סוף, ניט וויעלענדיג האפען אפילו, אז איך וועל ווען עס איז אויפהערען צו וויינען... דיא איבערגעבענהייט און צוגעבונדענהייט פון אלפערדען זיינען געוועזען מיין איינציגע שטיצע מיין איינציגער עיר מקלט, וואוהין איך האב זיך בעהאלטען מיט מיין צער און מיין שוואכקייט...יא, אהן אלפערדען וואלט

אויך ניט געהאט קיין קרעפטען און קיין מוכה צו לעבען.

...דיא קרעפטען האבען זיך ביסלעכווייז צור־קגעהערט איין מאהל שטיצענדיג זיך אויף מיין מאן׳ס האנד, בין איך שטיל צוגעגאנגען צום גרויסען שפיגעל אין ווינקעל פון מיין שלאף־צימער, און צום ערשטען מאהל נאך דער קראנקהייט האב איך ריזיקירט א קוק צו טאהן אויף זיך. פון שפיגעל האט געקוקט אויף מיר נור א שוואכער שאטען פון א פרוי, וועלכע האט אמאהל געלעבט, זיך אויפגערעגט פערליעבט זיך, געוועזן געליבט... א פערצווייפלונגס־געשריי האט זיך ארויסגעריסען ביי מיר דיא פיס האבען זיך אונטערגעהאקט, און איך בין געפאלען אויף אלפערד׳ס הענד. ער האט אנגעהויבען מיך ליידענשאפטליך ארומנעה־מען, האט זיך אנגעבויגען מיט זיין געזיכט צו מיינעם און האט שטיל געשעפצעט, כמעט אנריהרענדיג מיין אויער מיט זיינע ליפען, דיא ווער־טער, וועלכע זיינען וויא א הייכענדער באלזאם געפאלען אויף מיין נשמה.

— דוא ביסט נאך אלץ שעהן, דוא ביסט נאך אלץ יונג, צויבער־ליך,... איך ליעב דיך!

איך בין ווידער געוועזן זיין פרוי, זיין אמת׳ע ליעבענדע פרוי...

וואס זאל איך דיר נאך זאגען. מאטילדא? דאנקבארקייט, צרות אנגעצויגענע נערוועז האבען מיך צוריקגעקעהרט אין דיא ארמעס פון מיין מאן; ער האט מיך געקענט איינהאלטען, נאך צוואנציג יאהר פון גאנצער גלייכגילטיגקייט צו איהם האב איך פלוצלונג בעמערקט, אז ער איז יונג, איבערגעבען מיר, קלוג, פערליעבט, ליעבליך. און ער, — ער האט ניט געליינגט, ווען ער האט מיר געזאגט: „דוא ביסט נאך אלץ שעהן,״ ער האט קיין מאהל קיינעם ניט געליעבט, ניט פערגעטערט, אויסער מיך, און איבער דעם זעהט ער מיך יעצט אין זעלבען ליכט. וויא מיט צוואנציג יאהר צוריק, אין צייט פון אונזער חתונה... און אזוי האבען זיך אומגעקעהרט אי צו איהם, אי צו מיר ליעבע און יוגענד, וועלכע האבען נאר אויפגעבליהט אביסעל שפעטלאך, אזוי וויא אמאהל

איז הערבסט עם צולאָזען זיך פלוצלונג כיליען און? הויבען אן צו בליהען.

און זאָרגזאַם היט איך אָב דיזע פערשפּעטיגטע פרייד ; וויא גנאדע, בעט איך ביים מאן, ער זאל מעהר ניט ברענגען צו אונז זיינע פריינד מיט גרויסע וואָנצעס. אויף מיין פערלאנג האבען מיר געביטען דעם דאָקטאָר מיט א גאר-גאר ווייסען קאָפּ

און אויב עס ווערען אמאהל אויפלעבען און ווידער קלינגען אין מיין הארצען וואָסערע פערשטיקטע אָבקלאַנגען פון דער פערגאַנגענהייט, אויב פאר מיינע אויגען הויבט אן ערשיינען עפּעס א געשטאלט אין אן אָפיצירען מונדיר אָדער דאס בילד פון מיין זיעגער, — האב איך א זיכערען מיטעל זיך אומצוקעהרען צו דער ווירקליכקייט און בלייבען ביים זינען. איך כויף צו צום שפּיעגעל, קוק אריין אויפמערקזאם, צעהל איבער מיינע ערשטע קנייטשען, מיינע ערשטע גרויע האָאר, און עפּעס א געהיימניספולער קול שעפּצט מיר אין אויער שטיל — שטיל :

— היט זיך ! דיעזען מאהל וועט עס זיין דער סוף פון סוף... היט דיין מאַן — דיין לעצטע געליעבטען ! ...

גוטע עצות

(פון א פרוי צו איהר ליעבהאָבער)

מיין גוטער פריינד ! נעכטען בין איך צוריקגעקומען קיין פאריז פון'ם קליינעם האָלענדישען דערפעל אויפ'ן ברעג ים, וואו איך האב פערבראַכט דיעזען טרויעריגען זומער, און היינט אין דער פריה האב איך זיך דערוואוסט, אז איהר האט חתונה... איך וויל ניט צוגעבען, וויא עס זינגט זיך אין ראָמאַנס : „דוא ווייסט, שטארבען בין איך דערפון גרייט !.. און דאָך, איז מיר אביסעל אומעטיג...

עס איז מיר אומעטיג דערפאר, וואס איהר ווארפט מיך אוועק; נאך מעהר, דאכט זיך מיר, דערפאר, וואס איהר האט געהיים, שטילע־רהייד, צוגעגרייט דעם פלאן, האט קיין ווארט ניט געזאגט אייער אלטען פריינד... זיינען וויקליך פינף יאהר פון דעם נאהענטסטען לעבען, — יעדענפאלס נעהנטער, וויא דאס לעבען, וואס איהר וועט פיהרען מיט אייער פרוי, — פינף יאהר פון צארטער ליעבע, אין צייט פון וועלבע איך האב געטהיילט אלע אייערע פריידען און ליידען פון א וועלטליכען מענשען, — זיינען ווירקליך דיזע אלע יאהרען ניט ווערטה קיין ביסעל אפענהערציגקייט און צוטרויען פון אייער זייט? אנשטאט דעם, וואס איהר האט געשריעבען צו מיר דיא לעצטע טעג אלע ליעבע קליינע בריוולעך, אין וועלבע איהר האט כיטרע, וויא א יעזואיט, געשיקט מיר אין דיא צושריפטען אזוי פיעל קושען, און אונבעדינגט אין דיא אפענע ליפען (וואס וואלט געזאגט, דערוויסענדיג זיך, אייער כלה טהייערער מיינער?) אנשטאט דעם האט איהר ניט געקאנט גלייך, מיט אן אפענעם געזיכט קומען צו מיר און פשוט זאגען: „זשאננא, מען דארף מאכען אן ענדע.. איך האב חתונה... און אזוי וויא איהר קענט מיך בעסער און האט מיך מעהר ליעב, וויא אן אנדערער, וויל איך זיך מיט אייך אן עצה האלטען“...?

אלזא, מיין אויסגעצייכענטער פאל, צו איהר ווילט עס, צו נייך, קאנט איהר ניט אויסמיידען מיינע עצות... יעצט ווען איהר האט מיך אוועקגעווארפען, קומט מיר אויס צו ווערען א געזעצטע, טוגענדליכע פרוי, און איך וועל בעטראכטען מיין נייע ראלע גאנץ ערנסט; אויב איהר וועט ערלויבען, וועל איך ניט נור אויסדריקען מיין בליק אויף אייער הייראטה, נור וועל אייך פאראויסזאגען אייער נאהענטע צוקונפט.

מיר שיינט, אז, ווען מען הייראטה, דארף מען זעהר אויפמערק־זאם בעטראכטען יענע, וועלכע מען קלייבט זיך אויס אלעם לעבענס־בעגלייטערין; אבער פאר אלעם און מעהר פאר אלץ דארף מען בעט־ראכטען און אויספרופען זיך אליין. האט איהר געמאכט דיעזע קליינע

איינגעארטינע פראבע.

טהוט א קוק אויף זיך אין שפּיעגעל, אבער טהוט, א קוק ערנסט וויא אן אונפּארטייאישער קריטיקער, און ניט מיט יענע שנעלען זעלבסט־ציפריעדענעם בליק, וועלכען איהר האט אזוי אפט אין מיין אנוועזענהייט געווארפען אין שפּיגעל, ווען איהר האט זיך געקליבען, שוין אנגעטאהן, אין דיא האנדשוה און העט, אוועקצוגעהען... קוקט זיך גוט איין, איהר זעהט פאר זיך זעהר אן אנגעזעהענעם מענשען, מיט א גלייכער פיגור, אביסעל פליבעוואטע, מיט עטוואס אבגעלאקעוועטע אויגען, מיט א קוים צוקנייטשטער הויט, מיט עטליכע קנייטשלאך אויף דיא טעמפּלען, — מיט יענע אלע קליינע פעהלערן, וועלכע ווערען קונציג און זארגפעלטיג פערבארגען, א דאנק דער היגעניע און אויפזיכט. און דער מאגען שטי־פט אונטער אביסעל, דער שלאף איז ניט שטארק, נערוועזע אנפעלע פאסירען אמאל — צוויי אין וואך. אבער דאס אלץ איז נאך ניט קוין צרה. אין אלגעמיין, זייט איהר, וואס מען רופט, „נאך יונג". אויף אזוי ווייט דיא פיזישע זייט.

אין מאראלער הינזיכט זייט איהר — קלוג, וויציג אבער מערקווירדיג פויל און דארום זעהר אונוויסענד. וויפיעל מאל, מיין טהייערער, האב איך אייך געדיענט פאר א ווערטערבוך, אטלאס און היסטארישען אלמאנאך, — איך, וואס האב אליין ניט, נאט ווייס וואס, געלערענט אין דער שוהלע! אבער איהר האט זיך אליין זעהר ליעבליך מודה געווען אין דעם און האט זאגאר אייערע בריעף געשריעבען במעט תמיד ניט אנדערש, וויא ווען איך בין געוועזן לעבען אייך און האב געקאנט גוט מאכען אייערע פערלעגענהייטען מיט דער גראמאטיק און אייערע מיספּ־ערשטענדניסע מיט דער געאגראפיע. א פרעהליכע צייט! ווען איך דער־מאהן זיך איצט אן איהר, ווילט זיך מיר וויינען.

דאן האט איהר א גאנץ געוויינליך הארץ. ניט קיין גוט און ניט קיין שלעכט — גיכער ניט קיין שלעכט. וויא אלע מענער. זייט איהר פעהיג ארויסצוציינען עטוואס ליעבע צו א קאפע־שאנטאנער אקטריסע.

וועלכע וועט זיך אויסלאַכען פון אייך — און צו דער:עלבער צייט עקס־פּלואַטירט איהר מיט אַ מין זאַרגלאָזען און אכזריות׳דיגען עגאָאיזם אַן עהרליכע פרוי, אין וועמעס ליעבע און טרייהייט איהר צווייפעלט אויף אַ מינוט ניט. אָבער איך ווידערהאָל, דיא מייסטע מענער זיינען אַזוי, איהר האָט נאָך יעדענפאַלס איין גוטען זייט, וועלכען מען געפינט זעלט־ען ביי אַנדערע, און וועלכען מען דאַרף אונטערשרייבען: איהר זייט ליע־בּליך. יאַ, ליעבליך. איך קאָן ניט צוטראַכטען קיין אַנדער וואָרט, וואָס זאָל בּעסער אויסדריקען דאָס וואָס איך וויל זאָגען, אין אייך, אין אייער גאַנצער בּענעהמונג, איז דאַ עטוואָס ליעבּליכעס צערטליכעס, וואָס פער־פיהרט און בּינדט צו צו אייך יענע, וואס זיינען לעבען אייך: איהר קענט רעדען אַזוי, אַז אַלע זאָלען גלויבּען אין אייער ערנסטקייט; איהר קאָנט מאַבען קאָמפּלימענטען, אַז זיי זאָלען חנפ׳ענען און זיין אַנגענעהם. אויף אייערע ליפּען שפּיעלט אַ שמייכעל. ליעבּע לייכט זיך אין אייערע אויגען און — גאָט ווייס אייך — פיעלייכט לעבט זיא אין אייער האַרצען! איך האָבּ נור וואס דורכגעלעזען דיא פינף אָדער זעקס בּריעף, וועלכע איך האָבּ ערהאַלטען פון אייך אין שוועניגנען, מען געפינט אין זיי אָרטהאָג־ראַפּישע פעהלערען, אָבּער דאָך זיינען זיי זעהר ליעבּליך.

... אָט דאָס איז אַרום און אַרום דער מאַן, וועלכער דאַרף בּאַלד אַרויסרופען ענטציקונג און פערגעטערונג ביי דער פריילייז קלערלאַוואַל־עט. איך הער כמעט, וויא איהר ענטפערט מיר מיט עטוואָס אַ בּעליידי־גטען טאָן:

— אָבּער צום טייוועל, מיין טהייערע, רעדט וועגען מיר ניט אַזוי פיעל שלעכטס, אויף וויא ווייט איך קען אורטהיילען, בּין איך אייך אליין ערשט ניט לאַנג געפעהלען געוועזען, און שטאַרק זאָגאַר!

אמת פאַל! איהר זייט מיר געוועזען געפעלען; איך וועל זאָגאַר ניט לייקענען, אַז איך האָבּ זיך אין אייך „גאָר איינגעבליאָבּעט". וויא איהר פלעגט זאָגען. אָבּער פערגעסט ניט, אַז אין יענער גליקליכער צייט זייט איהר געוועזען יונג, פּשוט יונג, פערשטעהט איהר מיך, ניט „נאָך יונג"

איהר זייט געווען זעהר א שעהנער יונגערמאן, זעהרא ג עזונטער, ליידענ־שאפטליכער, מיט א פרישער הויט און לעבעדיגע אויגען, אן אונער־מיעדליכער ספארטסמאן. איהר האט נאך דאן פערמאגט א נשמה פול מיט מיידערשער אונשולדיגקייט, אמת, אביסעל בעריהרט, אבער נאך אלץ פריש. איך בין געווען פאר אייך, מיין טהייערער דיא ערשטע פרוי „פון געזעלשאפט". יעצט ליידער, ליידער! מיין פריינד, זיינען דיעזע אלע אייגענשאפטען אבגעשוואכט געווארען, עס דוכט זיך מיר זאגאר, אז א גוטע טהייל פון זיי איז גאר פערפאלען געווארען.

געוויס האב איך אייך דערפאר ליעב געהאט ניט ווענינער, וויא פריהער! איך האב זיך געעלטערט צוזאמען מיט אייך; פאר מיר האט איהר ניט אויפגעהערט צו זיין דערזעלבער פאל פון אונזער ערשטער בעגע־געניש. עס איז נויטהיג געווען אזא אונערווארטעטער און שטארקער שטויס, וויא דער היינטיגער, איך זאל זיך אויפכאפען פון שלאף און אייך אזוי בעטראכטען און אונטער זוכען. נאך נעכטען וואלט איך געט־ריבען פון זיך יעדען געדאנק ווענען איז א אנאליז... מיט איין ווארט, דאס וואס איך ליעב אין אייך איצט, איז אונזער יוגענד, אונזער ליעבע.

אבער זיא, מיין צארט געליעבטער פריינד? זיא, א יונגינקע, פריי־שינקע מיידעלע, נאר וואס ארויסגעפלאטערט פון שוהלע — אויף וואס האפט זיא, וואס ערווארטעט זיא פון אייך געוויס, פונקט דאס, וואס איך האב געפונען אין אייך, ווען איך האב אייך ליעב געקראגען, און די אבוועזענהייט פון וואס איך האב אייך נאכהער פערצייהט, ווייל איהר האט עס אויף מיר פערספענט. זיא ערווארט פון אייער יוגענד!... זיא וועט פאדערען פון אייך אלעס, וואס איהר האט מיר אבגעגעבען, — און איהר קאנט עס איהר שוין ניט געבען, וויל איך האב עס ביי אייך צוגענומען: לוסט נאך ליעבע, זארגלאזינקייט, פיזישע פרישקייט, פרעהליכקייט. און אנשטאט דעם אלעם וועט איהר דערלאנגען איהר אן אויסגעמאטערטען געליעבטען, וועלכע פיהרט א געגויע רעכענונג פון אלע זיינע קושען, וועמען היגיענע איז טהייערער פון ליעבע, וועמען

פרויען האבען אין אלגעמיין היבש דערעסען, וועלכער גיט צו דעם פער־ גניגען זעלבסט א העכסט־מעלאנכאָלשען כאראקטער ווידערשפרעכט ניט! אויב אונזער ליעבע איז נאך געווען א פרעהליכע, איז נור דער־ פאר, וואס עראינערונגען האבען אונז פערשיכורט, וואס אייער קליינע וואָהנונג אין דער גאס באלליו איז שוין געווען דורכגענומען מיט געלעב טער, מיט אפענהערציגע קושען, מיט וועלכע עס האבען זיך אמאהל אזוי אפט געביטען אונזערע ליפען, — און אט אזוי אונבעמערקט פלעגען מיר ווידער יונג ווערען! אט דערפאר פלעגט איהר שטענדיג צוריקקומען צו מיר נאך אייער פערזוכען צו פערראטהען מיך; און ווען איהר וואלט זיך קלאהר געמאכט אין אייערע געדאנקען, וואָלט איהר שוין לאנג פער־ שטאנען, אז נור מיך אליין קאָנט איהר נאך ליעב האבען.

אלזאָ, וואָס זשע ערווארטעט אייך? איך קען כמעט ניט אייער צוקינפטיגע פרוי, און איהר מוזט צוגעבען, אז איך האב ניט געפרופט צו רעדען שלעכטס וועגען איהר. אָבער וויא עהרליך און אונטערטהעני־ גסט זיא זאל ניט זיין, מוז צווישען אייך אויסוואַקסען דיא אייביגע מיס־ פערשטענדינס פון הייראַטס־בונדען אין דער הויכער געזעלשאפט: זיא האט נאָך קיינעם ניט געליעבט, און איהר זייט נור פעהיג צו ליעבען לויט אייער אלטער געוואָהנהייט... איך וויים, איהר ווענו זיך אנשטריינ־ גען צו ערפילען, ווי געהעריג איז, אייער הייראטס־פליכטען, איהר וועט זיך אנשטריינגען צו זיין א גוטער ליעבענדער מאן, אבער, איך זאג פאָראויס, עס וועט אייך ניט געלינגען: דער בעסטער מאן קען ניט געבען דאס, וואָס ער האט ניט, און איהר פערמאָגט ניט פונקט דאָס, אין וואס אייער פרוי נויטיגט זיך, — איהר האט ניט קיין יונגע ליעבע. געוויס, ווייל אייער קקאָרא לאוואלעט האט א גוט, עהרליך הארץ, — איך בין זיכער דעריין, — וועט זיא דאך פרואווען אייך ליעב צו האבען, כאָטש פאר אייער קאָפּ און פאר אייער הארץ, אָבער אויב נור דאס אָרים מיידעל איז ניט קיין נארעלע, וועט זיא זעהר שנעל בעמערקען אייער אונהייכב־ ארען ענטאויזם און אייער פולע אונוויסענהייט. זיא וועט איינזעהן, אז

איהר מאן איז א געוועהנליכסטער גרויער מענשעלע, וועלכע דיא נאַטור פאבריצירט מיט איין מאהל און לויט איין מאָדעל טוצענווייז. אז אמאהל האט ער אפשר געהאט כאטש איין גוטע זייט — יוגענד, אָבער איצט ליידער, האט ער אפילו דאָס אויך ניט !... פון דער אנדער זייט, וועט אייך אויך גיך נמאס ווערען אייער פרוי, איהר וועט רעדען מיט איהר ווי אויף פערשיעדענע שפּראכען, איהר יוגענד וועט זיין פאר אייך א לעבּעדיגער פאָרוואורף, ווען זיא וועט אפילו שווייגען און גארנישט פאדערן. איהר וועט אנהויבען אויסמיידען זיא. און אויף אזא ארט, וועט איהר פריהער אדער שפּעטער זיך אבזאָגען פון דער אונטערנעהמונג, וועלכע איהר האט אנגעהויבען מיט אזוי פיעל מיהע : דיא פרוי וועט אוועקפאָהרען אין דאָרף און דארט וועט זיא געפינען עמיצען, וואס וועט זיין עהנליך צו אייך, וויא איהר זייט אמאל געוועזן, ווען איך האב אייך ליעב געקראָגען... און איהר... איהר, מיין טהייערער פאָל, איהר וועט זיך ביסלעכווייז אומקעהרען צו אייער פריהעריגער געליעבטער, וועלכע וועט ווארטען אויף אייך...

יא, יא, מיין טהייערער, איהר וועט קומען צוריק צו מיר, איך בין זיכער דעריין ; און אט דיעזע זיכערהייט לאזט מיך ניט פיהלען זיך צו אונגליקליך. צו וואס בעהאלטען דיא ווארהייט ? איך ערגער זיך דאך און ווער נערוועז ביים געדאנק ווענען דיעזער מיידעלע, וועלכע וועט זיך באלד הייגגען אויף אייער האלז מיט איהרע אייגענע הענד, און וועלכע איהר וועט זיך אנשטרייננען צו ליעבען כאָטש עטליכע וואָכען.. אלץ איינס ! ווענען דער צוקונפט צווייפעל איך ניט. האט חתונה, מיין טהייערער, פּרופט גליקליך זיין, איך ערלויב עס אייך. נור ווענען איין זאך בעט איך אייך אין נאמען פון אונזער פערגאנגענער ליעבע, אין וועלכער, ניט וואהר, עס איז געוועזן אזוי פיעל גוטעס : אין יענעם טאג, ווען איהר וועט בעשליסען אָבצונאָרען אייער פרוי, טהוט א טראַכט פאר אלעם ווענען מיר...

צו וואס ומאכען אָנשטריינונגען, זאָלאנג איהר ווייסט פאָראויס,

אז זיי וועלען גארנישט אויפטהאָן ?... גלויבט מיר, פאַל, אי צוליעב אייך, אי צוליעב מיר וועט זיין בעסער, ווען איהר וועט בעהאלטען פאר אייער אלטער פריינדינע דעם עשטען פערראַטה, נעגען אייער פרוי.

דער נייער פריהלינג

(פון א גרעפין צו איהר פריינדינע)

טייערע נאָעמי ! איך בין צוויי–און פערציג יאהר אלט, איך האב צוויי קינדער, איך האב שוין זאָנאָר אן אייניקעל אזוי וויא דוא, האב איך דערגרייכט יענע שטופע פון לעבען, ווען יעדעס ווארט וואס דוא הערסט צו אדער לעזט דורך, יעדער בליק, וואס דוא ווארפסט אויף די ארומיגע מענשען און זאכען, שיינען צו ווארענען אונז, אז דיא טעג פון גליקליכע, ליגנערישע, אבער צויבערליכע טרוימען זיינען פאראיבער, אז עס איז צייט צו פערנעהמען זיך מיט וואָהלטהעטינקייט און גאָטס־פארכטינקייט,

און דאך בין איך ניט אומעטיג, בין ניט טרויעריג ; און דאך בע־גריס איך דיא ערשטע שטראהלען פון דער פריהלינגס-זונן מיט דעם זעלבען שמחה'דיגען פריידענס-געפיהל, וויא מיט דרייסיג יאהר־צוריק, ווען מיר האבען געבלאנדזשעט מיט דיר אומאַרמט איבערן מאָנאַסטיר־גאָרטען און געזוכט אויף דיא ביימער דיא ערשטע קנאָספען. און ווירק־ליך, איך בין אזוי וויא יונג געווארען אויף דרייסיג יאהר, אין מיר זיצט דיא יוגענד. איך בין פערליעבט.

יאָ, איך בין פערליעבט, יאָ איך בעט דיך נאָעמי, לאך ניט פון מיר ; נור דיר ערלויב איך זיך צו מאכען דיעזען ווידוי, נור דיר, וואס האט אזוי לאנג געטרוימט, געליטען געליעבט צוזאמען מיט מיר ! איך ריעבּ ערנסט און וואָהנזיניג, איך ליבּע צאַרט און ליידענשאַפטליך, כיי

דעם גאנצען פייער פון הייסע פערלאנגנען, וועלכע עס קענען נור פיהלען דאס פרישע הארץ און נערווען אין צייט פון דער ערשטער יוגענד־ליעבע איך האב עס מורא אויס צורעדען. אבער עס דוכט מיר, אז ביז איצט האב איך נאך קיין מאהל ניט געליעבט.

דאס האט פאסירט עפעס אונבעמערקט און פלוצלונג. עס שיינט מיר, אז מיין ליעבע האט זיך אנגעהויבען שוין זעהר לאנג, און אז צו דערזעלבער צייט האט זיא אויפגעפלאמט פלוצלונג. וויא א בליץ. געוויס ווען מען וואלט מיר דאן געזאגט, ווען איך האב צום ערשטען מאהל דערזעהען דיעזען יונגען מאן (דאס איז געווען פאר איאָהרען, אנפאנג זומער, אין באָשאן, וואוהין ער איז געקומען, אום צוצוגרייטען מיין זוהן צום דעם סען־סיר עקזאמען), ווען מען וואלט מיר דאן געזאגט, אז דיעזער גראציעזער שעהנער יונגעל, אזא שעהמעוודיגער און ערנסטער, ועט מיט איין בליק, מיט איין לייכטער בעריהרונג צו מיין האנד אויפ־הויבען אין מיר א גאנצען שטורם פון ליידענשאפט — וואלט איך זיך הזער פערוואונדערט און וואלט זיך צולאכט. און דאך, פון דער ערשט־ער מינוט, וואס ער איז ערשיענען ביי אונז. האב איך דערפיהלט, אז צווישען דיעזען אונבעקאנטען פאר מיר מענשען און מיר עקזיסטירט עפעס א געהיימניספולע גאָהענטקייט, אז מיר מוזען, אום יעדען פרייז, דערקענען איינע דעם צווייטען, ארייגדרינגען איינע אין צווייטענס נשמה; איך בין זיכער געווען, אז מיר וועלען בעפריינדעט ווערען, וועלען ווערען צארטע פריינד. אבער אויף קיין מינוט האב איך ניט א טראכט געטהאן. אז מיר וועלען ליעבען איינע דעם צווייטען, וועלען געהערען איינע דעם צווייטע. דוא ווייסט דאך, אז ביז דאן בין איך נאך געווען דאָס, וואס מען רופט אָן אן עהרליכע פרוי!

אָ, נאָעמיר, דיעזע זומער־טעג. פון יולי ביז סעפטעמבער, לייבטען אין מיין פערגאנגענהייט מיט א העלען, שטראהלענדען פלאם. מיר האבען זיך שנעל בעקאנט מיט ראבערט׳ען; איך האב בעזיעגט זיין שעהמעוודינקייט מיט יענע אונבעדייטענדע צערטליכע ווערטער. וועלכע

מיר, פרויען, קענען אזוי ארויסרעדען, וויא מיר קענען ארויסרעדען אויך אנדערע קורציגקע ווערטער, וואס זאלען אויסקיהלען דעם מוטה פון די בראווסטע מענשען און צושלאגען פון ערשטען טריט זייערע פראבען. מיט צעהן יאהר צוריק וואלט איך, געוויס, געפרופיט קאקעטירען מיט דיזען אונערפאהרענעם קינד; איך וואלט זיך געסטארעט אנצינדען אין איהם דיא ליידענשאפט, דערנאך צובלאזען זיא מיט אן אונערווארטעטער קאלטקייט און מיט קונציגע מאנירען אריינדרינגען איהם אין יענעם צושטאנד פון וואהנזינן און ערביטערונג, וועלכער איבערצייגט אונז פרויען וויא שטארק מיר זיינען, און וואס חנפ'עט אונז. איך האב עס ניט געטהאן מיין טהייערע. עס האט זיך מיר געדוכט אז איך האב צו ווענינ צייט, אום צו פערספענדען קאסטבארע מינוטען אויף נוצלאזע מאסקאראדען. איך האב אפענהערציג ארויסגעצייגט דעם לעהרער פון מיין זוהן, אז עס מיר אנגענהם צו זיין מיט איהם. איך האב גאר ניט פערבארגען פון איהם, אז זיין פנים, זיי גייסט, אפילו זיין קול געפעלען מיר, איך האב איהם געצוואונגען אבצוגעבען מיר זיין גאנצע פרייע צייט, וועלכע ער האט אבגעשפארט נאך דיא שטונדען מיט מיין זוהן און זיין אייגענעם שטודיום, ווען ער וואלט ניט געווען אזוי אונערפאהרען אדער כאטש עטוואס מעהר בעריהרט, וואלט ער געקענט אין צייט פון דיזע דריי מאנאט בעזיצען מיך. און איך וואלט זיך איהם מיט פרייד אבגעגעבען. ער האט זיך אבער בעגנוגענט דער מיט, וואס ער האט זיך געלאזט געליעבט צו זיין, ער איז געווען אונענטשלאסען פערטראכט, און דאך גליקליך. איך האב איהם פערגעטערט.

יא, איך האב איהם פערגעטערט—און האב זיך אליין אנגעהויבען אויפרעגען, אנגעהויבען צו שעהמען זיך. צו האט ער מיך געליעבט? געוויס, איז איהם געווען אנגענעהם צו זיין מיט מיר, ער איז מיר געווען דאנקבאר פאר דער מיטפיהלונג און אויפמערקזאמקייט. אבער האט ער מיך געליעבט אזוי, וויא א ליעבהאבער, מיט איין ווארם, — האט ער געוואלט. איך זאל איהם געהערען? ווען איך פלעג בלייבען אליין,

האב איך זיך גוט איינגעקוקט אי אלע שפיעגלען, וואס האבען זיך געפונען אין אונזער שלאָס. איך האב געפרופט אָבשעצען מיין פּנים מיט יענער אפּענהערציגקייט און אונפּארטייליכקייט. מיט וועלכע מען שעצט אָב עפּעס א פרעמד פּנים. ליידער! איך האב געמוזט צוגעבען, אז איך בין, אמת, נאך שעהן, אבער מיין שעהנהייט איז פערוויאנעט פון יאהרען, פון מוטערשאפט, אלערליי אונאנגענהמליכקייטען און ענטוישונגען, אז זי איז אָבגעבלאקירט געווארען. פאר וואס, זאָג מיר, מיין טהייערע, ווערט פאר אלץ אָבגעבלאָקירט און אלט אונזער פּנים? פארוואס ווערט פער־עלטערט פונקט יענע טהייל פון אונזער קערפּער, וועלכע אלע זעהען, וועלכע איז אימער אָבגעדעקט, וועהרענד מיר דארפען פערבאָרגען פון פרעמדע אויגען אלעס איבריגע, וואס האלט איין מאהל ביז'ן סאמע שוועל פון עלטער זיין יונגע פרישקייט און אנציהונגס־קראפט. זיי זיך מודה, עס פערוואונדערען דיך דיזע ווערטער אויף דיא ליפּען פון א פרוי, וועלכע איז געבליעבען פעהלערלאָז עהרליך ביז פערציג יאהר, וועלכע האט זיך געשעהמט פאר איהר איינענעם מאן? מאָ וויים־זשע, אז איך האב אויף אזוי וויט מורא געהאט אויסצוזעהען אלט פאר ראָבערט'ען, איך האב אויף אזוי פיעל געוואלט ערוועקען אין איהם דיא ליידענשאפט, אז איך האב אליין געזוכט דיא געלעגענהייט, וואס זאל אפען מאכען פאר איהם דאס, וואס עס פערבאָרגען דיזע קליידער און קאָרסעטען, וואס זאל איהם צייגען דיזעס נאך גאר יונגעס לייב, וואס איז בעשאפען פאר ליעבע. יאָ, איך, איך, עהרליכע פרוי, איך, א מוטער, א באָבע האב בענוצט כיטערע קונצען פון א קאָקעטקע, אום אויפצו־דעקען פאר ראָבערט'ען מיינע שולטערען, מיינע הענד; מיין ברוסט... פאר וואס זאל איך זיך ניט מודה זיין דעריין? איך האב איהם ליעב געהאט.

און דיא טעג זיינען געלאָפען מיט א שרעקליכער שנעלקייט; עס האט זיך שוין דערנעהנטערט דיא ענדע פון סעפּטעמבער. מיין זוהן האט אָבגעגעבע עקזאמען און איז איינגעטראטען דיא סען־סיר שוהלע.

ראָבערט איז נאָך פערבליעבען אין באָשאָן שוין נור אלס גאסט, אלס פריינד. נאָך עטליכע טעג — און ער האט בעדארפט אוועקפאָהרען, און מיר האבען זיך נאָך אלץ ניט מודה געווען. ווען איך האב אָנגעהויבען צו טראכטען, אז אין גיכען וועל איך איהם שוין ניט זעהען, אז זיין לעבען וועלכעס איז עטליכע קורצע מאָמענטען געגאַנגען לעבען מיר, וועט איצט פליסען ווייט פון מיר, אז אין גיכען וועלען אנדערע פרויען דריקען צו זייער ברוסט דיעזעס קינד. וועלכעס איך פערגעטער, און ער וועט זיי בעשיטען מיט ליידענשאפטליכע קושען, וועט זיי שעפּצען ליעבעס-ווערטער, — האט זיך מיר געדוכט, אז מיין לעבען רייסט זיך איבער, אז איך זעה פאר זיך מיין צועפּענטע טרונע. איך האב אָנגעשטרענגט אלע מיינע קרעפטען, אום צו געפינען עפּעס א מיטעל איינצוהאלטען ראָבערטען לעבען זיך, אם וועניגסטען — נאָך אמאהל צו זעהען איהם אבער איך האב ניט געפונען...

און דאָך האט אזא מיטעל עקזיסטירט. מיין מאן האט איהם געפונען.

דעם 22טען סעפּטעמבער איז מיין מאן דער גראף ערוועהלט געוואָרען אונערוואַרטעט אלס דעפּוטאט אין פּארלאמענט פון אונזער בעצירק. ווען עס האבען זיך איינגעשטילט דיא ערשטע יובעל-געשרייען, וואס דיעזער ערפאָלג האט ארויסגערופען, און מיר האבען אָנגעהויבען בעטראכטען, וויא זיך איינצואָרדנען אין פּאריז, האט ער מיך אָבגעפיהרט אָן א זייט און געזאָגט:

אלזאָ, מיין טהייערע, איך בין ערוועהלט, דאס איז זעהר גוט. איך קלייב זיך ניט, נאטירליך צו מאכען א רעש אין פּארלאמענט אָדער צו קאָנקורירען מיט אונזערע פריינד מען און פרעפּפּעל. אָבער אפילו שטעהענדיג אָן א זייט, האט יעדער דעפּוטאט א גאנצע רייהע פליכטען: צום בייספּיעל, ארבייטען אין דיא קאָמיססיען, האבען פערבינדונגען מיט דיא וועהלערס, און אזוי וויא איך וויל זעהר זיין א דעפּוטאט, אבער איך וויל גאָר ניט אין מיינע יאהרען האבען צו טאהן מיט פּאפּירען. איז מיר

נויטיג א סעקרעטער. וואס איז אייער מיינונג וועגען ראָבערטען ? ער איז קלוג, געבילדעט, ארבייטזאם ; ער האט נאָך קיין שטאנד ניט, און דאס איך וויל איהם פאָרשלאָגען, קען איהם ניצליך זיין, וועט איהם פער־שאפען בעקאַנטשאפט, פריינד, און איך בין זיכער, ער וועט זיך דער־מיט גוט בענוצען.

איך האב זיך אנגעשטרענגט צו בלייבען רוהיג און זאָגאר געפונען צו זאָגען עפעס דאגעגען. דער גראף איז מיט מיר ניט איינפערשטאנען און איז אוועק זאָגענדיג :

—איהר קענט איהם בעסער, וויא איך, רעדט זיך דורך מיט איהם וועגען מיין פאָרשלאג און זעהט, ער זאל איהם אָננעהמען.

עס איז שוין געווען עלף אוהר אין אבענד. אבער מיין הארץ איז געווען אזוי איבערפולט, אזא שטורם האט זיך אויפגעהויבען אין מיר, אַז איך האב ניט געקענט פערבלייבען אין הויז, איך האב ארויפגעוואָרפען אויף זיך א שאל און ארויסגעגאנגען אין׳ם שווייגענדען פארק. וואס איז פערזונקען אין שווארצער פינסטערניס. וויא נור איך בין ארונטער פון דיא טרעפ, האב איך אויפגעהויבען דיא אויגען : אין ראָבערטס פענסט־ער האט נאך געברענט פייער. ראָבערט איז נאך ניט געשלאָפען. פלוצלונג איז מיר אין קאָפּ א געדאנק איינגעפאלען — און האט מיך באלד אין גאנצען בעהערשט: אריינצוגעהען צו איהם אין צימער, צו זעהען זיך מיט איהם זאָפאָרט, איבערגעבען איהם דעם גראף׳ס פאָרשלאג, ארויסקריגען זיין יא, עס האבען א שיין געטאהן געדאנקען, אז דאס איז ניט אנשטענ־דיג, טיעף אין דער נשמה האט זיך געהויבען א שעהמעווודינע־ פחד, אבער איך האב פון זיך אלעס אבגעשטופט, און נאך אין א מינוט האב האב איך שוין געקלאפט אין טהיר פון זיין צימער. „קומט אריין !“ — האט ער געענטפערט מיט א צוטראָגענעם קול, דענקענדיג, וואהרשיינליך אז עס איז א דיענער... איך בין אריינגעגאנגען... אָבער וויא נור איך האב איבערגעטראטען דיא שוועל, קוים האב איך דערזעהען ראָבערט־ען אנגעבויגען איבער א בוך, אָהן א ראָק, מיט׳ן צושפילעטען קאָלנער

פון זיין נאכט העמד, קוים האב איך דערזעהען זיין נעמליכען פנים, פערגאָסען מיט'ן ליכט פון לאָמפּ, האט מיך דיא בראווקייט באלד פערלאָזען, עס זיינען מיט דער גאנצער קראפט אויפגעשטאנען פאר מיר דיא גאנצע זאָנדערבארקייט און אונאנשטענדיגקייט פון מיין האנדלונג.

איך האב דערפיהלט, וויא דיא פאָדלאָגע לויפט אוועק פון אונטער מיינע פיס, דיא פיס האבען זיך מיר אונטערגעהאקט, און איך וואלט געפאלען, ווען ראָבערט וואלט זיך ניט געווארפען צו מיר און ניט אונטער געכאפּט מיך אין זיינע ארעמס.

ווען איך בין געקומען צו זיך. איז ראָבערט געשטאנען פאר מיר אויף דיא קניעס און, דראפּענדיג זיך דיא פינגער, האט ער געהאלטען אין צושפּיכען מיין קאָרסעט. זיינע גאָלדענע האָאר האבען כמעט אנגע־ריהרט מיינע ליפּען. איך בין אזוי אבגעזעסען עטליכע מינוט, ניט ריה־רענדיג זיך, דערנאך האב איך פּלוצלונג ארומגענומען זיין ליכטיגע קאָפּ האב איהם צארט אויפגעהויבען און אנגעהויבען קושען זיינע אויפ־ציטערענדע אויגען, זיינע האלב־אפענע ליפּען.. און איך האב געשעפּצעט. „וואס דענקט איהר יעצט וועגען מיר?" איך פערגעסטער אייך.. ווייזט מיר ניט צוריק!"— האט ער געשעפּצעט צווישען ליידנשאפטליכע קושען,— „איך פאל צו אייערע פיס!"

איך האב ניט געקעמפּפט. אָהן ווידערשטאנד האב איך זיך איהם אָבגעגעבען אין דיעזער געטליכע נאכט פון צויבערליכער ליעבע. איך האב ניט אבגעשטעלט זיינע וואהנזיניגע צערטליכקייטען. יענע, וואס טהיילען און מעסטען אויס, זייערע צערטלערייען, וועלכע גיבען נאך און געבען זיך אָב ביסלעכווייז און שטופענווייז, — ליעבען ניט, וויא עס דארף צו זיין, איך האב אָן אלעם פערגעסען, איך האב געדענקט איין זאך— אז מיין פערבאָרגענסטער, טהייערסטער טרוים איז ערפילט געווא־רען, אז ראָבערט האט מיך ליעב, אז איך בין זיינע... און נור, ווען מיר האבען זיך שוין בעדארפט צושיידען, האב איך זיך דערמאָנט אָן דעם

גראף'ס פארשלאג.

ער האט איהם אַנגענומען. ער איז געפאַהרען צוזאמען מיט אונז קיין פאריז.

און אַט, דיעזער פערשיכורנדער טרוים דויערט שוין מעחר פון פיער מאָנאטען, און מיין גליק ווערט ניט קלענער; עס שיינט מיר, אז ראָבערט האט מיך נאך אלץ אזוי ליעב, וויא פריהער, מיט דערזעלבער קראפט. מיר לעבען אונטער איין דאך, אזוי וויא מאן און פרוי, איך הער פון דאנען וויא דוא ביסט אויסער זיך, ביסט ענטריסטעט פון מיין אונאנשטענדיגקייט; דוא קענסט ניט פערשטעהען. וויא איך, וואס האב קיין מאהל ניט געהאט קיין גליעבטען אין דער צייט, ווען מען האט זיך צו מיר אזוי שטארק געשדכן'ט, — וואס איך גיב זיך איבער צו א קוים ערוואקסענעם קינד. יאָ, איך טוה עס – און לייד ניט פון קיינע גע־וויסענסביסע. איך האב ליעב ראָבערט'ן צו הייס, בין גרייט אויסצו שטעהען צוליעב איהם דיא פעראכטונג פון דער וועלט! אבער. נאט צו דאנקען, איך בין פאר קיינעם ניט קיין שאנדע. מיינע קינדער זיינען וויט ביז זיי זיינען געוועזען לעבען מיר. האב איך זיי נור געגעבען אביישפיעל פון ריינליבקייט מיין מאן איז מיר זייט דיא לעצטע צעהן יאָהר נור א בע־שיידענער איבערגעבענער פריינד: איך בעגנב'ע איהם אַלזא ניט. וואס אנבעלאנגט דעם יונגען מאן, וועלכען איך געהער, -- וועל איך איהם נור געבען דיא מהייערסטע מתנה. אן עראינערונג וועגען אן ערענסט־ער, אונענטגעלטליכער, אַל־פערגעסליכער ליעבע, און דאס וועט פער־שטארקען זיין הארץ פאר'ן לעבען, וועט זיין פאר איהם אַן עיר מקלט פאר דער נשמה אין דיא שווערע מינוטען, וועלבע עס ערווארטען איהם אין דער צוקונפט...

ניין, מיין געוויסען איז רוהיג. און אומזיסט האב איך זיך נור וואס געוואלט פערטהיידיגען.

איך ווידערהאָל דיר, איך פערגעטער איהם!

דיא קירכען שויב

(פון א פרוי צו איהר געליעבטען)

לעזט אויפמעקזאם דורך, מיין טהייערער פריינד, דיעזען בריעף. דאס איז ניט א פראסטע בריוועלע, וואס זאל אייך בעשטימען, וויא געוויינליך. דיא שטונדע פון אונזער זעהען זיך.. דאס איז אויך ניט א פיצעל פאסט־פאפיער מיט עטליכע שנעל אנגעשריבענע שורות, מיט וועלכע איך האב אייך דיא לעצטע צייט אזוי אפט דערמאהנט, אז אויף דער וועלט עקזיסטירען סטארס, שניידער, מיללינערס... ניין, דאס איז א קליינע פערטהיידיגונגס־רעדע און (ענטשולדיגט מיין פארמאליטעט: פאל בורזשע האט אונז אלעמען קאליע געמאכט) עס איז פאר אייך א קליינע לעקציאן אין פסיכאלאגיע.

עס איז שוין דריי מאנאט, מיין טהייערער, וויא מיר ליעבען זיך, איך ווייס ניט, וויא איהר, אבער איך, יעדענפאלס, האב נור דיא בעסטע עראינערונגען וועגען דעם, וויא מיר זיינען נאהענט געווארען, מיר האבען זיך פון לאנג געקענט; איך האב געוואוסט, אז איהר זייט א מענש, וואס האט א גרויסען ערפאלג ביי פרויען; אז איך האב אן אלטען מאן און אז דארום ערלויבט מיר, זא צו זאגען, דיא בארעמהערציגע וועלט צו זוכען ליעבע און צערטליכקייט אויף דער זייט, איך האב זיך קיין מאהל ניט ארויסגעשטעלט פאר א טוגענדליכער, צו וועלכער עס איז קיין צוטרים ניטא, און האב גארניט געוואלט ערשיינען פאר אזא... און איך האב אפט געהערט, וויא מען האט שטיל ארויסגערעדט, און אמאהל גאנץ הויך, דעם נאמען פון מיין פריינד, פון יענעם, וועלכען איך האב ליעב געהאט, צו וועלכען איך האב געהערט; און ווען ער האט מיך אוועקגעווארפען, אום צו הייראטהען עפעס א יונג מיידעל, האבען אלע

נאנץ אָפּען און נאר זיך ניט שעהמענדיג מיטלייד געהאט מיט מיר. אין ניכען האט איהר פערנומען לעבען מיר דעם פּלאץ פון דיזען מאן, און אָהן הויכע פראזען, וויא וויסענדיג אייער איינענעם ווערטה און ווירדע, זיים איהר געוואָרען מיין צארטער ליעבהאבער. איהר זייט מיר גע-פעלען געוואָרען און איך האב זיך אייך אבגענעבען, אפשר אפילו פריי-הער, וויא איך האב אליין געוואָלט. אָבער איך האב ניט געהאט קיין וואונש צו שפּילען דיא ראָלע פון דער טוגענדליכער פענעלאָפּע, איך האב אייך מיט אמאהל ליעב געקראָגען און טאקע באלד בין איך געווען אייערע.

אין האב ליעב — ווידער פּאָל בורזשע׳ס שולד! צו בעאָבאַכטען. וואס פאר אן איינדרוק איך מאך אויף מיין נייעם געליעבטען, בשעת ער הויבט מיך אָן צו קענען אלץ מעהר און מעהר, אין יעדען ליעבע-אינצידענט מוז מען דורכגעהען א רייהע סטאנציעס, און פון יעדער סטאַנציע עפּענען זיך פאר יעדען פון דיא רייזענדע — פערליעבטע נייע האָריזאָנטען. אבער איהר זייט א צו ערפאהרענער, דורכגעטריבענער רייזענדער, א מאדים אין דעם רוים פון צארטע געפיהלען; אייך קאָן שוין ניט איבערראשען קיין זאך ניט, קיינע אונערווארטעטע פּעיזאזשען, און אויף יעדער „סטאנציע" אין אונזערע פערהעלטניסע האב איך כמעט געהערט וויא אייערע ליפּען פון אן איבערזעטיגטען, פון פרויען צובאַלווע-טען מענשען האבען געשעפּצעט: „זעהר, זעהר ליעבליך... איך האב געוואוסט..., און איך צובינדענדיג זיך צו אייך אלץ שטארקער מיט יעדען טאג, האב זיך אנגעהויבען ערגערען, בין געווען אין א פערלעגענהייט. „האט ער מיך ליעב? — האב איך זיך געפרעגט, — יעדענפאלס, אום ניט צו בענוצען דיעזעם גרויסע וואָרט, איז ער צוגעבונדען צו מיר? אדער בין איך אין זיין לעבען, פול מיט ליעבעס-אינצידענטען, נור א צופעלינע בעגעגעניש, און וועל אויך אזוי שנעל פערגעסען ווערען, וויא יענע פרעהכיבע פרויען, וואס פערקריפּען זייער לעבען פאר געלד מיט וועלכע ער האט זיך אמחירט? און דערצו, האט ער דאך אויף דיעזע

פרויען זיך צוויי מאהל רואינירט, — הייסט עס, זיי זיינען דאך געוועזן טייער ביי איהם, ער האט זיי געשעצט...״

איהר וועט גלויבען, זשאק, איך האב אנגעהויבען מקנא צו זיין דיזער בלאנש ד׳אבראק און דיזער זשארזשעט דעקארמיע (איהר זעהט איך ווייס זייערע נעמען), אויף וועלכע איהר האט פערספענט געלד אָהן א רעכענונג, אז איהר האט זיך צוויי מאהל כמעט אין גאנצען רואינירט זיי האבען, יעדענפאלס, געמאנט זיכער זיין, אז עס ציהט אייך צו זיי. אז זיי רופען אין אייך ארויס ליידענשאפטליכע פערלאנגען, זיי האבען גע־קאנט אויסמעסטען אייערע פערלאנגען מיט דער סומע געלד, וועלכע איהר האט אויף זיי געווארפען וואלט איהר אויך פאר מיר געבראכט די אפפער. וועלכע איהר האט געבראכט פאר זיי ?... טויזענד מאהל האב איך זיך געשטעלט דיזע פראגע און האב ניט געוואוסט, וואס צו ענטפע־רען „יא...״ ביסלעכווייז האט מיך דיזער געדאנק אין גאנצען בעהערשט, האט מיך אין גאנצען פערכאפט און מיר ניט ערלויבט צו טראכטען וועגען עטוואס אנדערש... איהר קאנט זיך ניט פארשטעלען, זשאק, וואס פאר א מאטערניס עס איז צו דיינקען, אז דוא ביסט פאר׳ן מענשען, וועלכען דוא האסט ערנסט ליעב. פשוט א בעקוועמע פערבינדונג, ניט מעהר, עפעס א מין „וואלטער קרעסלע״ אין ליעבע. יא, עס איז א מאט־ערניס ! איך האב בעשלאסען אייך אויסצופרופען. איך האב אזוי בערעכענט :

בלאנש און זשארזשעט צוזאמען גענומען האבען אייך געקאסט וויא דיא וועלט זאגט, ארום א מיליאן און צוויי הונדערט טויזענד פראנק; אייער פערבינדונג צווישען מיט איינער, דערנאך מיט דער צווייטער, האט געדויערט צוזאמען דריי יאהר; הייסט עס, עס מאכט אויס צו פיער הונדערט טויזענד פראנק א יאהר, און ארום דרייסיג טויזעד א מאנאט, איהר זעהט, וואס פאר א גוטער מאטעמאטיקער איך בין ! אלזא איך האב זיך בעדארפט איבערצייגען, צו איהר שעצט מיך און מיין ליעבע אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל איהר האט געשעצט זשארזשעט

און בלאַנש

איך האב זיך אָנגענומען מיט מוטה און איין מאהל אויפדערנאכט ארומנעהמענדיג אייך און אריינלעגענדיג אין מיין קוש מיין גאנצע ליעבע צו אייך, א פערשהמטע, און אויפגערעגטע, מיט א קלאַפּענדען הארץ האב איך אייך געזאָגט, אז איך דארף האבען צעהן טויזענד פראנק... איך מוז צוגעבען מיט פרייד און שטאָלצקייט, אז איהר האט ניט בעגאנגען קיין פעהלער... ניט פרעגענדיג קיינע ערקלעהרונגען, האט איהר מיר געענטפערט: „מאָרגען מיין טהייערע, וועט איהר קריגען דאס געלד. איך דאנק אייך, וואס איהר האט זיך געווענדעט צו מיר...“ אייערע ליפּען, זשאק, האָבען ארויסגעלאָזט דיזע ווערטער, אבער אין אייערע אויגען האט געשיינט עפּעס א נייער האלב־פערבאָרגענער שמייכעל... „א ! זיא אויך...“, האט געזאגט דיזער שמייכעל,— „נו„ עס פרעהט מיך נור צו זעהען, וויא זיא איז דיזעלבע, וויא אלע.“ און פון דיזען טאג אָן האט זיך עפּעס קוים בעמערקבאר געענדערט אין אייער ליעבע צו מיר, אייערע פערהעלטניסע צו מיר האבען געקראַנקען אַן אנדער פארב. אָ, געוויס, דיזע ענדערונג האט מען קוים געקאנט אָנטאַפּען, אבער איך האב זיא דאך בעמערקט... איהר האט אויסגעזעהען צו זיין אונצופרידען מיט מיר געוויס — ניט פאר מיין ביטע, נור פאר דער אויגענשיינליכער אונענטגעלטינקייט, אין וועלכער איהר האט איין אויגענבליק נעהאט געגלויבט. דאס האט מיר פערשאַפט פיעל צרות ! איך האב געמוזט איינשפּאנען מיין גאנצען ווילען, זיך אננעהמען מיט קראַפט אום פארטצוזעצען מיין אויספרוף, אבער איך האב אויסגעהאלטען און האב איהם פאָרטגעזעצט אין משך פון א מאָנאט האב איך אייך פערשאטען מיט נעלר־פאָדערונגען. איהר האט זיך אפילו איין מאהל ניט פערקרימט, האט אָהן טענות און זאָפּאָרט זיי ערפילט : איהר האט זאָגאר מיר פאָרגעשלאגען אויף א בעשיידענסטען און אנשטענדיגסטען אופן א בעשטימטע סוממע אלס א מאָנאטליכען איינקופט, פונקט וויא מאדאם זשאָרזשעט אָדער בלאַנש. וואהרשיינליך נעהמען אַן אזא פאָרשלאג אייך איינינע פרויען

פון דער הויכער געזעלשאַפט... דיזען טאג בין איך געווען אי אויפגע־בראכט, אי דערפרעהט, איך האב אייך געוואָלט אי אויספאַטשען, אי אייך אויסקושען אייך, וויא איך האב אייך נאר קיין מאהל נים געקושט.

איצט, זשאַק, האט זיך דער מאָנאט געענדיגט, און צוזאמען מיט איהם אויך דער אוספּרוף. אין צייט פון דיזען מאנאט האב איך ערהאלטען פון אייך דיזעלבע דרייסיג טויזענד, וויא יענע פרויען. איך אַלזאָ יעדענפאלס, דאס זעלבע רעכט צו דענקען אז איך בין געליעבט. האב מיט פרייד מיין טהייערער, ווארף איך אראָב פון זיך דיזע אָבשייליכע מאסקע און איצט קאָן איך זאגען, אז, נאך מיין מיינונג, בעשמוצען געלד דיא ליעבע ; אז אוועקגעבענדיג א מאן דיין בעסטען אוצר, דיין ליעבע, זיך אליין אין גאנצען, נעהמען מיר דערמיט ביי זיך אליין צו יעדע מעג־גליכקייט עפּעס צו קריגען פון איהם... געוויס, ווען מיר ליעבען ערנסט. טאָ זייט זיך מודה, גרויסער רייזענדער, אז דיזען מאהל זייט איהר פער־וואונדערט, אז מיט אייך האט איצט פּאַסירט אַן אינצידענט, וואס איז נים עהנליך אויף אלע פריהערינע.

אבער ניין, איהר זייט נאר נישט איבערראשט... איך זעה פון ראַנען אז לעזענדיג דיזע שורות, שמייכעלט איהר און פון דיזען שמייכעל בעוועגען זיך עטוואס אייערע ווייכע, פובאָווע וואַנצעס. „דאס איז וויציג און אינטערעסאנט, — זאגט איהר צו זיך אליין — אבער איך פאַר־שטעה זעהר גוט, אין וואס עס האנדעלט זיך. זיא האט זיך געגוויטיגט נור אין דרייסיג טויזענד פראנק...“

וואס פאר א סקעפּיטקער איהר זייט עס ! טאָ ווייסט זשע, זשאק אז דיזע דרייסיג טויזענד זיינען נים ביי מיר. אין דאָרף לאַפּאַראַדו, זייט ביי זיים מיט אונזער שלאָס געפינט זיך א שעהנינקער קלויסטער אין נאמען פון הייליגען יוליאן, דיזע קירכע האט זיך ביסלכווייז געבוים אין משך פון צוואנציג יאהר, א דאנק דיא גאָטספאָרכטיגע בעמיהונגען פון א גייסטליכען... איצט איז זיא כמעט אין גאנצען פארטיג. נור אין דיא הויכע שפּיצינע פענסטער זיינען ארייגגעשטעלט בראָסטע שויבען,

חעלבע שאדען זעהר שטארק דער גאנצע קירכע... אבער נאר אין גיכען וועט א פראכטפאָלע מאָזאאישע שויב בעפוצען דיא בימה... דיא שויב שטעלט פאר דעם הייליגען יוליאן, וויא ער פערניכטעט מיט פיילען ווילדע חיות אהן א צאהל...

...דעם אמת זאָגענדיג, מיין טהייערער, האט מיר מיין קליינער אויספרוף פערשאפט א גרויסע בעפרידיגונג: ער האט מיר געהאלפען צו דערקענען אייער ליעבע און אויך מיך געצוואונגען צו טאהן א גוטע זאך. ווען עס וואלט אונז אויסגעקומען אַמאהל — זאל אונז גאט אָב־היטען! — זיך צושיידען, ווען איך וואלט געמוזט געהערען עמיצען אנ־דערש, וואלט איך ווידער אנגעקומען צו אזא מין פראָבע, אום צו דער־קענען אויב איך בין געליעבט. אדער ניין.

אבער מיין טהייערער, פערגעטערטער זשאק, איך האף, אז נאך לאַנג וועט אין דער קירכע פון הייליגען יוליאן זיין נור איין פראכטפאלע מאָזאאישע שויב.

אכט און צוואנציג טעג

(בריעף פון א פרוי צו איהר מאן.)

4 אפריל.

אָ, מיין טהייערער, וויא עס איז מיר אומעטיג צו זיין אליין מיט דער דיענסט, וויא לאנגוויילינ, וויא טריעב! און אוועקגעפאהרען ביזטו דאך ערשט מיט צוויי טעג צוריק, נאך גאנצע זעקס און צוואנציג טעג וועלען מיר זיין צושיידט, זיעבען און צוואנציג זאָגאר, ווען מען רעכענט דעם רייזע טאג! . . . ניין, דיא רעגירונג האנדעלט זעהר ניט גוט, זעהר נאריש, מען טאהר ניט צונעהמען ביי א יונגינקער פרוי איהר געליעבטען מאן אין וואסערע דריי מאָנאט נאך דער חתונה. און צו וואס? פרעג

איך דיך. ווער דארף דיך דארט אין ברעסט, אין דער פיכאטע, אז איך זיץ דא גאנץ אליין אין פאריז? פאסט עס דען פאר'ן ערשטען בעאמטען פון מיניסטעריום צו מארשירען, צו האלטען דיא ביקס אויפ'ן אקסעל און פאלגען דיא בעפעהלע פון מענשען, וועלכע זיינען אפילו ניט פעהיג צו זיין זיינע בעדיענער? און דאן וואלט איך נאך געקענט פערשטעהן דיעזע פיער וואכען אין ברעסט, ווען דוא זאלסט זיין אונפערהייראט און לעבען מיט דיין מוטער אי ברעטאן... אבער יעצט, ווען מען האט אונז געשיקט קיין פאריז?.. זעהסט, מיין טהייערער, דאס אלעס איז זינלאז און גאנץ נאטירליך זיינען פילע אונצופרידען מיט דער רעפובליקאניש־ער רעגירונג.

דוא ווייסט דעם ראקינג־טשער אין דיין ארבייטס-קאבינעט? ער איז אויך לאנגווייליג אהן דיר. ער האט עס מיר אליין נעכטען געזאגט, ווען מיר האבען א סך גערעדט מיט איהם...איך רעד אפט מיט איהם.. ווען איך קוק אויף איהם, גלוסט זיך מיר אי לאכען, אי וויינען.

...דיין חבר סימאן איז געווען דיא טעג ביי מיר. וואהרשיינליך, האסטו איהם געבעטען, ער זאל מיך בעזוכען אין דיין אבוועזענהייט, אמוזירען מיך און דערצעהלען מיר דיא נייעס פון מיניסטעריום, וועלכע איך זאל דערנאך דיר איבערגעבען. ער איז געווען זעהר ליעבליך; אין אלגעמיין, איז ער גוט ערצויגען און אנציהענד. אבער ווען איך האב זיך צוגעהערט, וויא ער האט דערצעהלט וועגען מיניסטעריום, וועגען די בעאמטע, פונקט וויא דו, — איז מיר געווארען אזוי אומעטיג, אזוי אומעטיג.. איך האב ניט אויסגעהאלטען און זיך צוואויינט. דער ארים־ער סימאן האט ניט געוואוסט וואס צו טהאן, איך דיינק, ער וועט אזוי ניך ניט קומען, זיין ערשטער וויזיט האט איהם ניט פיעל פערגעניגען פערשאפט.

זיי געזונד, מיין טהייערער, זיי געזונד, מיין גוטער, מיין ליעבער. דיין קליינע פרוי קושט דיך שטארק — שטארק אין דיינע וואנסעלעד־ יא וועט באלד געהן שלאפען און וועט טרוימען וועגען איהר אבוועזע־

דען זשאק, וועט בעטען,, ער זאל זיך איהר חלום׳ען...

שארלאָטא.

פּ. ס. — איך האב נור וואס ערהאלטען א בריעף פון דיין מוטער זיא וואלט וועלען, זאלסט נאך דיא מאַנעווערען קומען צו איהר אויף א וואך. נו, ניין! ניין, פאר קיינע געלטען!

21 אפּריל.

. . . . איך וויל פּטור ווערן פון מיין שלאָפלאָזינקייט דורך לעזען, אפּער ווייסט דאך, אז לעזען איז ביי מיר ניט קיין גרויסע מציאות; עס הויבען מיר נור אָן וועה צו טהאן דיא אויגען, און שלאפען קאָן איך דאך נים. און דערצו ווען מען האט זיך ליעב אין בוך און מען קושט זיך, הויב איך אָן דענקען וועגען דיר — און איך וויין, איך וויין...

נאָטעניו! וויא איינזאם איך פיהל זיך אין אונזער ברייטער בעט!

... דיין חבר סימאָן קומט אריין צו אונז, ער קומט יעצט אלע צוויי טעג. איך פּלאַפּעל מיט איהם מיט פערגעניגען; אבער רעדענדיג אפען מיין טהייערער, שיינען דיר ניט דיזע אפּטע בעזוכען זיינע צו א יונגינ־קער פרוי אביסעל אונטאַקטיש און אונפּאָרזיכטיג? געוויס, מיך געהט עס גאר ניט אָן! דער מענש, וואס וואלט מיך געצוואונגען צו פּער־געסען מיין זשאק, איז נאך ניט געבאָרען געווארען! אבער ער? דיין פריינד איז אונפּערהייראַט, ער איז יונג, און איך בין דאך ניט קיין מיאוּסע, ניט וואהר? עס דוכט זיך מיר, אז דיא לעצטע צייט קוקט ער אויף מיר מיט בעזונדערע, אזעלכע לעבערליכע אויגען. ווען דען ניט זיין א מיטלייד, ווען ער וועט איבער אונז ליידען? שרייב מיר, וואס איך זאל טהאן, און איך וועל עס טהאן...

פּ. ס. — איך וויל דיר ניט זאגען קיין אונאנגענעהמעס, אבער ווירקליך, מיין טהייערער, דיין מוטער קאָן מען ניט אריבערטראגען... וואס לאזט זיא ניט אריבערצופאהרען צו דיר קיין ברעסט? און זיא וועט דיך דארט זעהן יעדען טאג,

שארלאָטא

16 אפריל.

... דאס, וואס דו שרייבסט מיר, איז זעהר ניט שעהן פון דיין זייט: אז אלע פרויען מיינען יאקבי, אז מען דארף זיי נור דערזעהן, אום צום פערליעבען זיך אין זיי. איך, יעדענפאלס, פערזיכער דיך, אז דיין חבר סימאָן הויבט אָן צו פערליעבען זיך אין מיר. דו פערשטעהסט, נאטירליך, אז מיר איז עס גאנץ ענאל; אבער צו וואס ערלויבען דיזען אָרימען יונג צו פערלירען אומזיסט זיין זינען? וועט ניט זיין פיעל בעסער צו זאגען איהם זאָפאָרט, ער זאל זיך זיצען דארט ביי זיך אין מיניסטער־יום? אָבער טוה, ווי דו ווילסט.

איך לייד נאך אלץ פון שלאָפלאָזינקייט, מיינע נערווען זיינען צו־רודערט, איך עס ניט, עס אינטערעסירט מיך קיין זאך ניט. עס איז מיר לאנגווייליג אין דער היים, און דאך בעשליס איך ניט צו געהן ערגיץ. אַ, קום שנעלער צוריק, מיין טהייערער, מיין געטליכער! איך דארף דיך האָבען לעבען זיך!... אויב נאך דער דיענסט וועסטו נאך פערבלייבען אַ וואָך ביי דער מוטער, טאָ ווייס, אז קומענדיג קיין פאריז וועסטו שוין מעהר ניט געפינען דיין קליינינקע שארלאָטא. איך וועל שטאַרבען, שטאַרבען פון צרות. פערשטעהסטו יעצט, אז דו טאָהרסט ניט פאהרען צו דער מוטער? זאָגסט מיר צו?..

17 אפריל.

איך בעט דיך, אויב דיעזער בריעף וועט נאר קומען אין צייט נאך,—ערלויב מיר, צו בעטען סימאָן'ען, ער זאל אויפהערען געהן צו אונז. איך גיב צו; אז ער איז אימער געוועז זעהן העפליך אין בעשיידען מיט מיר; אבער, ווירקליך, זיינע אויגען שרעקען מיך. איך קאן זיך ניט בעפרייען פון געדאנק, אז ער וויל עפּעס בענעהן. איך האב דער דיענסט געהייסען זיין אין עס־צימער און ניט פערשפארען דיא טהיר, ווען סימאָן איז מיט מיר אין גאסט־צימער.

22 אפריל.

...אלזאָ, דו ביסט, זיבער, ניט אין כעס, וואס איך האב דיר

דריי טעג נים געשריבען? ווען זאלסט וויסען, פריינד מיינער, וויא אונ־גליקליך איך בין געווען אין דיעזע דריי טעג!... געווים, אהן א שום אור־זאכע, מענסט מיר גלויבען!. וואהרשיינליך, דער שלעכטער וועטער, איך וויים אליין נים — וואס נאך... אבער איך האב געוויינט, געוויינט, האב זיך ניך נים געקאנט בעשליסען צו שרייבען דיר...

קום צוריק, מיין טהייערער, גיכער מיר וועלען דאך נאך גליקליך זיין צוזאמען, נים וואהר? שרייב מיר אן אין דיין נעקסטען בריעף, אז מיר וועלען נאך גליקליך אזוי וויא ביז דיזע פיער וואכען.

טויזענד קושען פון דיין שארלאטא.

פ. ס.— איך האב געהעכערט דער דיענסט'ס געהאלט אויף צעהן פראנק א מאנאט. געדיינקסט, מיר האבען שוין וועגען דעם א־מאל גערעדט מים דיר, און פון זינט איך בין געבליבען מים איהר אליין, איז זיא אזוי זארגזאם, געהט אזוי נאך נאך מיר. דאס איז א פראכט־פאל מיידעל. איך האב גוט געטהאן, נים וואהר?

27 אפריל.

...נאך א בריעף פון דיין מוטער. די ארימע פרוי וויל אונבעדינגט זאלסט פערברייגגען ביי איהר א וואך: אליין. איהר בריעף האט מיך געריהרט, ווירקליך. איך האב אזוי געליטען אין דיין אבוועזענהייט, אז איצט פערשטעה איך גוט וויא שטארק זיא מח ליידען, נים זעהענדיג דיך עטליכע מאנאט נאכאנאנד... האנדעל, וויא דוא ווילסט, מיין טהייערער, איך וויל נים האבען געוויסענסביסע, אז צוליעב מיר האט זיא דיך נים א קוש געטהאן פאר'ן טוים...

...אך, יא! מענסט צופריעדען זיין: דוא האסט געהאט רעכט... דיין סימאן איז נים געווען פערליעבט אין מיר... ער האט זיך מיר זאגאר מודה געווען, אז ער קלייבט זיך חתונה האבען און צוליעב דעם איז ער געווען פערנומען דיא לעצטע צייט...

4 מאי.

...איצט פיהל איך בעסער. איצט ווען איך וויים, אז דוא ביסט

ביי דיין גוטער מוטער, מיין טהייערער, בין איך רוהיגער. דוא פערשטעהסט מיך. ביז דוא ביזט געוועזן אין ברעסט, האב איך געטראכט וועגען דיא אבענדען, וועלכע דוא האסט פערבראכט מיט דיא חברים אין דיזער גרויסער שטאדט, וואס איז פול מיט פרעהליכע בעשעפענישען; און אזוי וויא איך קען מיין זשאקען, וויים, וואס פאר א שעהנינקער ער איז האב איך זיך פארגעשטעלט א גאנצע רייהע פערשיעדענע שרעקענס... אייפערזוכט האט מיך געמאטערט, אבער איצט ביזטו מיט דער מוטער אין דארף, און איך בין רוהיגער. איך וואלט זאגאר געוועזן צופריעדען, זאלסט פערבלייבען נאך עטליכע טעג ביי איהר; ווען ניט, וועסטו אין עטליכע מאנאטען ארום ווידער פערלאזען מיך און פאהרען צו איהר.

זיי געזונד, טהייערער, ליעבער. קוש פאר מיר דיין גוטער מוטער און דענק וועגען דיא קליינע פרוי, וואס פערגעטערט דיך. שארלאטא.

פ. ס.— יא, דוא מוסר'סט מיך, פאר וואס איך שרייב נאר ניט וועגען דיין חבר סימאן, נאט מיינער, וויא עס אינטערעסירט דיך דיין סימאן! נו, גוט, ער איז פאלקאם געזונד, דיין סימאן. איך זעה זיך מיט איהם אמאל, אבער פיעל זעלטענער, וויא פריהער... און עס איז געוועזן א צייט, ווען איך האב געדיינקט, אז ער איז פערליעבט אין מיר! וואס פאר א משוגענע איך בין געוועזן!...דערצעהל עס ניט דיין מוטער. וועסט עס ניט טהאן, מיין טהייערער?...

ריכטיג א יאהר

(פון א פרוי'ס טאגע־בוך)

אין דיזען רויטען ביכעל, וועלכען איך פערטרויע מיינע פערבארגע־

נע געדאנקען, און צו וועלכען איך האב זיך שוין נים צוגעריהרט עטליכע מאָנאַט, לעז איך אונטערן דאטום דער צוואַנצינסטער מאי 18..., דיא פאָלגענדע צייל̇ען, וועלכע איך האב שנעל אָנגעשריבען , זיך צוריקקע־הרענדינג פון דער הייראַטס־צערמאָניע.

„עס איז געשעהען, איך בין פערהייראַט , פערהייראַט ! ווען דער גייסטליכער האט געהאַלטען זיין רעדע, האט דער פאטער געוויינט . מיין קלייד, ספּעציעל געשטריקט אין ליאָן, אויף דער פאַבריק פון אונ־זערע פריינד מארטין, האט געמאכט אן אונגעהויערען עפפעקט, בעזאָנ־דערס אויף יענע, וואס האבען געזעהען דיא וואַרע פון דער נאָהענט. מיין מאן (מהייערע זשאן !) האט מיך א קוש געטאָהן בגנבה (דוכט זיך עס פיהרט זיך נים אזוי) און האט מיר א שעפּצע געטאָהן אין אויער : איך פערגעטער אייך !"

„וועל איך זיין גליקליך ? דוכט זיך, איך פערמאָג אלעס, אום צו זיין גליקליך. מיר זיינען יונג, גאַנץ רייך.. און מיר האבען ליעב איינער דעם צווייטען...

„גאָטעניו, מאך אזוי, איך זאל זיין גליקליך !

„אין א יאהר ארום, אין זעכבען טאג, וועל איך זיך פרעגען..."

א גאנצער יאהר איז זייט יענעם טאג אוועק. און, ווירקליך, עס שיינט מיר אז צוויי גאנץ פערשידענע „איך'ס" בעגעגענען זיך איצט : איינע — א ריינע, אונערפאַהרענע פריילין, נור וואס פון אונטער דער חופּה ארויס, וויא איך בין עס געוועזן דיזען טאג פאר־א־יאהרען ; דער אנדערער „איך" — א פרוי, וועלכע דער יאהר פערהייראַטען לעבען האט אויסגעלערענט פיעלעס, וואס זיא האט דאן נים געוואוסט, און וועלכע האט זיך גוט דערוואוסט כמעט אלע פריידען און אלע ליידען פון פערהייראַטען לעבען. דיזע צוויי געשטאַלטען מיינע, וואס זיינען אזוי אקוראַט געקומען זעהען זיך, שמוסען, שטעלען איינער דעם צווייטען פראגען, ענטפערען.

אָט בין איך,— זאגט דאס מיידעל מיט'ן שעהנעם בועקט. — ניב

מיר אָב רעכענונג פאר'ן פערגאַנגענעם יאהר. פאר אלעם, זאָג : ביסטו גליקליך ?

דיא יונגע פרוי, מיין איצטיגער „איך," ענטפעֿרט :

— רעד נים ארוים דיעזעס וואָרט, צו גרויס און צו נעבעלהאפט איז עס. איך קאָן דיך נור פערזיכערען, — איך בין אויך נים אונגליקליך. אָבער דוא זעהסט דאָך אליין, איך בין טרויעריג.

— הייסט עס, דו האסט חרטה, וואס דוא האסט געהייראַט ?

— ניין, איך האב קיין חרטה נים דערויף, וואָס איך האב געטאָהן ווען איך וואלט איצט זיין ווידער אזא קינד, וויא דוא, וואלט איך, זיכער געהייראַט, ווייל אין דעם איז דער גאנצער זין פון אונזער לעבען. אבער עס טהוט מיר באנג מיין מיידעלשעס הארץ.

— הייסט עס, דיין הארץ האט זיך פערענדערט ?

— יא, פערענדערט, עס האט אַנגעוואוירען דיא צוויי בעסטע אוצרות פון א מיידעלשע הארץ : האפנונג און אונוויסענהייט.

— האָפנונג ?

— יא, פערשטעה מיך, איך וויל נאָרניט זאָגען, אז איך האָף שוין אויף קיין זאך נים אין דער צוקונפט. איך זאג נאר, אז איך האב שוין נים יענע הענדלאָזע (און צו דערזעלבער צייט אונבעשטימטע) האָפנונג, וועלכע לעבט אימער טיעף אין א מיידעלשען הארץ. זי האט א רעכט צו טרוימען וועגען אלע פריידען, און פיעללייכט. וועט איהר חתן זיין דער שעהנסטער, דער קליגסטער, דער צארטעסטער פון אלע מענער ? ווען קיין חתן איז נאָך נימא. גיב נאָך צו דערצו, אז ביי אונזער גאנצער אונ־שולדיגקייט טרעפען מיר דאָך, אז די הייראַט ברענגט נייע פערגעניגענס. אין דיזע פערגעניגענס מאַהלען זיך אונזער פאָרשטעלונג אלס גרענצלאָז און אייביג מיט איין וואָרט, די מיידעל מאַהלט זיך אזוי איהר צוקונפט אז די צוקונפט קאָן פערווירקליכען נור א טהייל פון דיזע טרוימען. און עס איז נימא אזא מענשליך גליק, וואס זאל זיך קאָנען פערגלייכען אין שעהנהייט מיט דיזער גרענצלאָזער האפנונג. און אויפ'ן זעלבען אָרט

קָאן זיך ניט פערגלייכען דיא ווירקליכקייט פון ליעבע מיט דער שענהייט פון אונזער אונוויסענהייט.

— קָאן דען אונוויסענהייט זיין גליק ?

— אָ, אַן אונגעהייער גליק, דאָס העכסטע גליק, וואס קָאן נור זיין ! לעבען נור מיט דיין נשמה און מיט דיין הארצען, ווי איך האב אָבגעלעבט צוואנציג יאהר ; ניט פיהלען דיין קערפער, ניט שפּירען אפילו קיין שאטען פון פערלאנג, ניט וויסען אפילו, וואס עס וואָלט געקאנט פערלאנגען דיעזער פערלאנג ; פערביינעהען פערביי דעם לעבען, ניט פארשטעהענדיג איהם, ניט פערדעכטיגענדיג, וואס פאר נידריגע ניינונגען אין דער ווירקליכקייט עס בעהערשען די וועלט !... איך שווער דיר קיין אנדער גליק קָאן זיך מיט דיזען ניט פערגלייכען.

זאָל זיין אזוי. איך גיב צו, אז האָפנונג אָהן א מאָס, אז פולע אונוויסענהייט זיינען פעהיגקייטען, וועלכע מען מעג מקנא זיין. אָבער דאָס זיינען דאָך, זאָ צו זאָגען, נעגאטיווע איינענשאפטען : איז דען ניטאָ כאטש אביסעל פּאָזיטיווען גליק דערין, וואס עס ווערן פערווירקליכט אפילו נור טהייכווייז, אונזערע מיידעלשע טרוימען, אָדער דערין, וואס עס עפענען זיך פאר אונז דיא ליעבעס-געהיימניסע, פון וועלכע מיר האָבען פריהער ניט געוואוסט ?

— געוויס. דיא הייראט איז א קוואל פון רעאלען גליק, ניט אזא ריינעס, וויא אונזער מיידעלשעס גליק, אָבער א מעכטיגערען גליק וואָס פערכאפּט אונזער גאנצעס וועזען. ערשטענס דיא פרייד צו זיין א דאמע צו קריגען א בעדייטונג אין דער געזעלשאפט, — די פרייד פון עהרענליעבע. דאן, דיא פרייד צו האבען א חבר און פריינד, וועלכער געהערט אויסשליסליך דיר, — דיא פרייד פון פריינדשאפט. ענדליך, — נור זיך אליין בין איך זיך מודה דערין — דיא זינדיגע פרייד פון אויפהערען צו זיין ריין... יא, עס איז דאָ עפּעס א פאסקודנער פערגעניגען דערין, וואס דו פיהלסט, ווי עס ווערט ביסלעכווייז בעשמוצט אונזערע טהייערע אונשולדינקייט ווי זיא פוילט און שטארבט, וואס פאר אן אָבגרונד, אן

אַבּגרונד פול מיט פינסטערניס איז אונזער הארץ ! איך מוז זיך מודה זיין אז נאָך דער ערשטער אונענטשלאָסענהייט, נאָך די ערשטע ענטריס־טונגען פון דער בושה, וואָס האט זיך געצאַפּעלט אין א מין אגאָניע, האט מיך ארומגעכאַפּט, עפּעס א פיבער פון אונריינע הייראטס־פּערלאַנ־גען, מיר האט זיך געדוכט, אז מיין ליידענשאַפט, וואס האט זיך נור וואס צועפענט, וועט קיין מאהל זיך ניט זעטיגען, אז מיין נייגעריגקייט וועט קיין מאהל בעפרידיגט ווערען. דאס האב איך אויפגערעגט דעם מאן, האב איהם מוטהיג ארויסגערופען אויף אלץ נייע פערזוכען, אויף עלכע ער אליין וואָלט, פיעללייכט, ניט געוואנט... איך דערמאן מיך איצט אן איין טהייל פון דיזען יאהר (אונגעפעהר צווישען יולי און יאנוואר) — און איך פיהל, וויא מיינע באַקען ברענען פאר שאנדע. מיר שיינט, אז צופיעל בין איך געווען א געליעבטע פון מיין מאן, א דלילה, וואס בענוצט זיך מיט'ן כישוף פון איהר קערפער, אום צו פער־פיהרען דעם מאן, וואָס ליעגט לעבען איהר. וואהרשיינליך האט זשאָן נאָך אזעלכע שטורמיגע מינוטען מיך אביסעל פעראכטעט.

— און דיזער פיבער האט זיך איינגעשטילט ? וואָס זשע איז דערנאָך געווען ?

— גאר ניט, אויסער א בערוהיגונג. יא, ענדע יאנואר (די דאטום זיינען פאר מיר איז דיזען טאגעבוך) זיינען אי מיין מארך, אי מיין קערפער מיעד געווארען. דאן האט זיך אנגעהויבען פאר מיר א רייהע פּראכטפאָלע שטילע טעג: איך האב ווי פריהער געליעבט מיין מאן. אבער מיין צערטליכקייט איז געווארען בעסער, וועניגער בעשמוצט מיט ליידענ־שאפט. אונבעמערקט האט זיך אנגעהויבען צוריקקעהרען צו מיר דיא בושה, און צוזאמען מיט איהר דיא פעהיגקייט צו דיינקען. טראכטען, דאן האבען מיר אנגעהויבען מיט זשאנען ריכטיג שמועסען, זיינען אריינ־געדרונגען איינע אין צווייטענס נשמה.

— וואס־זשע ווייטער ?

— ווייטער... מיר האבען פיעל גערעדט —און האב בעמערקט, אז

מיר קענען שוין צו נוט איינער דעם צווייטען, אז מיר האבען מעהר ניט וועגען וואס צו רעדען אלעס צווישען אונז איז געזאגט געוואָרען, מיר האבען נור געקאָנט זיך ווידערהאָלען. אויב איך מוז אנשרייבען דעם אמת, וועל איך זאגען — אונז איז געווארען לאנגוויילינג אין צווייען. עס איז פערבליבען נור דיא קערפּערליכע פרייד, דער ליעבעס־פערגעניגען. כויט א מין געהיימען אָפּמאך, ניט אויסגעדריקט אין ווערטער, האבען מיר געפּרופּט צו געפינען דערין א רעטונג. ליידער! און דא האבען מיר זיך אנגעשטויסען אן דער אונמעגליכקייט אויפצולעבען אבגעשטארבענע געפיהלען... נור אמאָהל, צופעליגערווייזע האבען אונז אונזערע אומאָר־מונגען וויא פריהער עלעקטריזירט. און דאַן האָט זיך אויך געדוכט, אז עס עפענט זיך פאר אונז, און פערמאכט זיך ווידער שנעל, א גן עדן, פון וועלכע מיר זיינען שוין פעריאָגט געוואָרען.

— וואס־זשע איז פערבליבען פון דער פריהעריגער צערטליכקייט פון דיא פריהעריגע פערלאַנגען?

—עס איז פערבליבען דאָס אָנגענעהמע געפיהל צו לעבען צוזאמען, א געפיהל, וואס קומט ארויס, נאך מיין מיינונג, פון א געוואָהנהייט און פון א געמיינשאַפטליכער דאנקבארקייט פאר דיא פריידען, וועלכע מען האט אָבגעלעבט צוזאמען. מיר ערווארטען שוין ניט עס זאלען זיך צוריק־קעהרען דיעזע געוועזענע פריידען.. מיר זיינען גוטע מאן און ווייב וואס קריגען זיך ניט, אָבער וועלכע עס איז לאַנגוויילינג אין צווייען... און דאך, ווען איינער פון אונז וואלט אוועקגעווארפען דעם צווייטען, וואלט זיך דער אוועקגעווארפענער געפיהלט זעהר אונגליקליך, יעדענ־פאלס א געוויסע צייט.

— און אזוי וועט אָנהאַלטען דאס גאַנצען לעבען?

אך, איך זעה קלאָהר, אז האט דא היט אונז דיא געפאהר, מיר האבען געהייראַט אויף דאס גאַנצען לעבען, און האבען ערשעפּפט אונזער חלק גליק איז צווייען אין איין יאָהר. ווען מיר וואָלטען געוואוסט, אז פון אונז אליין הייננט אָב צו צושיידען זיך, וויא עס צו שיידען זיך

רייזענדע, וועלכע פאָהרען צוואַמען, געזעגענען זיך און געהען אוועק אין פערשיעדענע ריכטונגען, וואַלטען ווארשיינליך, אונזער טרויער און אונזער זאָרג ניט געווען אזוי שטארק. אָבער אויפ׳ן גאנצען לעבען... אויפ׳ן גאַנצען לעבען! און איך דיינק, מיר וועלען ענדיגען מיט דעם זעלבען, מיט וואס עס ענדיגען אלע פאמיליען, ווייל מיר האבען אָנגעהויבען, אזוי וויא זיי,... זשאַן וועט האבען ליעבהאבערינס, און איך — ליעבהאבערס... אמאהל טראכט איך זיך „און אפשר וועט אזוי טאקע בעסער זיין; אלץ בעסער, וויא יענער צושטאנד פון מאטערענדער און עהרליכער ערוואַרטונג, און וועלכער מיר לעבען איצט...“

טאָ פרעג-זשע מיך מעהר ניט, מיין טהייערער, אומגעקומענער געשטאַלט, מיידעל מיט׳ן שעהנעם בוקעט. עס איז מיר שרעקליך צו פרעגען אפילו זיך אליין, מיר איז פירכטירליך צוענטפערען. בעסער וועל איך ווארטען אויף די צוקונפט אָהן פראָטעסטען. וואס וועט מאכען מיט מיר דיעזער צווייטער יאהר פון מיין פערהייראטהען לעבען? דער ערשטער האט מיך אזוי פערראטהען...

... איך וועל א שמועס טאָהן מיט זיך אליין אין א יאהר ארום, אין דעם זעלבען טאָג... ליידער, קאָן איך שוין ניט צונעבען: „נאָטעניו, מאך אזוי, אז איך זאָל זיין גליקליך!“...

דיא ערשטע זינד

(פון א פרויס טאגעבוך.)

... מיין מאן האט זיך אוועקגעלייגט. ער שלאָפט. דורך דער אָפענער טיהר צווישען אונזערע צימערן הער איך זיין גלייכמעסיגעס אטהעמען, וואס ווערט ווילעווייז איבערגעריסען פון א לייכטען און קורצען

חראַפּ. מיר האָבען זיך נור וואס געזעגענט אויף׳ן שוועל פון אונזערע צימערן, האָבען פריעדליך געוואונשען איינע דעם צווייטען א רוהיגע נאכט, און ער האָט צוטראָגען אַנגעריהרט מיט זיינע ליפּען מיין שטערען — עפּעס נור א שאטען פון א קוש...

איצט, ווי יעדען אבענד, פערשרייב איך אין מיין טאָגעבוך דעם סך הכל פון טאָג. מיינע פינגער ציטערען מיר אַביסעל. וועיל היינט האב איך אָבגענאַרט מיין מאן צום ערשטען מאָל נאך צוויי מיט א האלבען יאהר פון א הערליכען פאמיליען לעבען. איך האב א געליעבטען.

פאר וואָס־זשע האָט דיזע פּאסירונג, אזא וויכטיגע אין׳ם לעבען פון א פרוי, נור קוים־קוים צורודערט מיינע נערוועז? פאר וואָס פיהל איך ניט קיין בעגייסטערונג, ניט קיין געוויסענסביסע? פיעלייכט האב איך צו נוט און פון לאנג געוואוסט, וואוהין איך געה, און האב זיך שוין ניט געקענט וואונדערען, ווען איך בין דערגאנגען. דיא פאַרינע בלעטלאך פון מיין טאָגעבוך, פון ענדע זומער, ענטהאלטען אלע שרים אויף מיין וועג צו פערליעבען זיך. אין פילייכט, האב איך זיך פער־ליעבט צו לייכט, פראָסט, אָהן שום אינצידענטען. ענדליך, אפשר איז מיין הארץ אנדערש געבוים, וויא ביי אנדערע פרויען, אפשר פערמאָג איך ניט קיין ברעקעל געפיהל. אָבער מיט צוויי יאָהר צוריק האב איך דאָך אזוי היים געליעבט מיין מאן!...

...איך דיינק, די נאכט וועט קלאָהר מאַכען מיינע געפיהלען, און מאָרגען אין דער פריה וועל איך וויסען, צו זאל איך לאַכען, צו וויינען, צו זאָל איך גראטולירען זיך אָדער פערזאכטען. יעצט וועל איך נאָר פער־שרייבען, ווי עס האט פּאסירט. געוויס וועט מיר אמאָל זיין אינטערע־סאנט צו לעזען עס.

... היינט, ארום דריי א זייגער, בין איך ארויס פון הויז, אום צו ווענדען מיינע טריט אויף דער גאס מאָנטעניע, וואו עס געפינט זיך לודאוויק׳ס בעריהמטע. בחור׳שע קווארטיר, וועלכע ער האט מיר שוין אזא לאנגע צייט געלויבט: דער ערשטער שטאָק, א פינסטערער צוגאנג,

מען דארף קיין זאך ניט פרענען ביים שווייצאר און זא ווייטער... דער טאג איז געווען אן אומעטיגער און נאסער, אבער אהן א רעגען. איך בין אוועק צופוס, אום רוהיג נאכדענקען אויף'ן וועג. אבער אלע מיינע געדאנקען האבען זיך געדרעהט ארום איין פונקט: „ווען לודאוויקען וואלט פלוצלונג איינגעקומען אוועקצופאהרען, ווען ער וואלט איבער עפעס אן אורזאכע ניט געקומען צום ראנדעוואו, — וואלט איך געווען צופריעדען אדער אין כעס?"

ווען איך וויל זיין אפענהערציג מיט זיך אליין, מוז איך, דוכט זיך, זאגען, אז איך וואלט געווען צופריעדען.

אבער לודאוויק איז געווען אין דער היים. ער האט געהיט מיין קומען ארויסקוקענדיג אין דער עטוואס אפענער טיהר. דיא טיהר האט זיך אליין געעפענט, און איך האב זיך דערזעהן אויג אויף אויג מיט מיין „צוקינפטיגען," אין א צימער אויסגעשטאטעט אויף אן אריענטאלען אופן. לודאוויק אליין איז געווען אין א הויזיגען אנצוג פון דונקעלבלויען לייוונט, — דער אנצוג האט איהם אזוי געפאסט. פון איהם האט שטארק געשמעקט. וויא איך האב ערווארטעט, האט ער געזאגט: „וויא ליעבליך דאס איז, וואס איהר זייט געקומען!" און ער האט מיך באלד ארומגענומען, האט מיך א קוש געטאהן... דער נאך האבען מיר זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן אריענטאלען דיוואן (הונדערט-פינף-און-צוואנציג פראנק) און האבען א שמועס געטאהן וועגען וועטער. לודאוויק האט אראבגענומען פון מיר דאס רעקעל, דיא העט און וואואל, האט זיי צו-געטראגען צום טישעל מיט אזא פארזיכטיגקייט, ווי עס וואלטען געווען אויפריים מאטעריאלען און האט זיך ווידער געזעצט לעבען מיר... א פויזע.. אום צו איבעררייסען זיא האט מיר לודאוויק פארגעשלאגען אנצוקוקען דיא וואהנונג. איך בין איהם נאכגעגאנגען אין שלאף-צימער ליידער! אויסגעשטאטעט אין זעלבען גוסטלאזען אריענטאלען סטיל, אבער אביסעל גרעסער און בעקוועמער, ווי דער פאדער-צימער.

לודאוויק האט מיך אויפמערקזאם געמאכט, אז דא איז דא

אלעס, „וואָס מען דאַרף.“

נאָך איז דא א קאמער וואו איך האלט מיינע קאַסטענעס און אויבערשטע קליידער — האט געזאָגט לודאָוויק — וואהרשיינליך, אינטערעסירט עס אייך ניט ?

ווירקליך, דאס האט מיך גאָר ניט אינטערעסירט. מיר האבען זיך צוריקגעקעהרט אין שלאָף-צימער. לודאָוויק האט א קוק געטאהן אויף'ן וואנד-זייגער. ער האט געציינט פיער אהן פינף מינוט. דיעזער אומשטאנד האט וואהרשיינליך, געווירקט אויף זיין ענערגיע. איך האב ניט געקעמפפט. איך האב גערעכענט, אז נאָך אונזערע רייזע־שפאַצירען אין דיא פאַרינע טעג וואלט נור געווען לעבערליך צו קעמפפען.

אלע מיינע געדאנקען בשעת מעשה האבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין א מין רוהיגען נייגעריגקייט צו זעהן, „וויא עס וועט פאַרקומען און דאס איז פארגעקומען אהן שום לעבערליכע אינצידענטען, פאר וועלכע איך האב אזוי מורא געהאט און נאָך וועלכע איך וואלט שוין מעהר ניט געקומען . אהן צווייפעל, בין איך ניט דיא ערשטע פערהייראטע גע־ליעבטע ביי לודאָוויקען. ער האט זיך געהאלטען זעהר גוט, איז געווען אין דער מאס צערטליך, אין דער מאס בעשיידען און ליידענשאפטליך. צום אונגליק, בין איך געווען פעסט איבערצייגט, אז ער מאכט זיך, און, וואהרשיינליך, האט עס זיך קלאָהר אויסגעדריקט אויף מיין פנים, ווייל ער האט מיר גאנץ טרויעריג געזאָגט: „איר האט מיך ניט ליעב, סימאָנא“ מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז, לכל הפחות, אין דיעזער טרויער זיינער ניט קיין געמאכטער, און איך האב איהם מיט דאנקבארקייט א קוש גע־טאהן און געזאָגט : „ווען איך וואלט אייך ניט ליעב געהאט, מיין פריינד, וואלט איך דא ניט געווען.“

שפעטער א ווײַלע האב איך פון מיין זייט א קוק געטאהן אויף'ן זייגער. עס איז געווען האלב נאָך פינף... איך האב אויפגעהערט צו זיין אן עהרליכע פרוי, אין פיזיאָלאָגישען און סאָציאַלען זינען פון ווארט.

דיא מינוטען באַלד נאָכדעם זיינען, אהן צווייפעל, געווען שווער

פאר מיר : אבער, אייגענטליך, קומט דאסזעלבע פאר די ערשטע צייט אין דער הייראט, און איבער דעם דארף מען ניט פאר דיא שווערקייט פון דיעזע מינוטען בעשולדיגען דעם געליעבטען. אין אלגעמיין, האב איך ארויסגעטראגען דעם איינדרוק, אז דער פראצעס פון אזא מין ליעבעס־פערהעלטעניס, יעדענפאלס אין מיין פאל, איז עהנליך צו א הייראט, מיין אונגעזעצליכער „חתן" האט זיך „גע׳שדכן׳ט" צו מיר עטליכע וואכען, אזוי וויא דער געזעצליכער ; דער טאג פון אונזער צוזאמענקונפט איז געווען פאראויס בעשטימט, אזוי ווי מיט יענעם ; און דיא האנדלונגען און ווערטער, — זיי זיינען געווען פונקט דיעזעלבע. נור אויף דיעזען מאהל איז ניט געווען קיין קליינע הייראטס־רייזע.

מיר האבען זיך צושיידט מיט לודאוויקען עטוואס פערשעהמטע, און איך בין איבערצייגט, אז מיר האבעןביידע געפיהלט אן ערלייכטערונג. לודאוויק האט בעשטאנען, אז ער וויל מיך אונבעדינגט זעהען מארגען, איך האב איהם געבעטען צו ווארטען ביז דאנערשטאג ; ער האט זיך אונטערגעגעבען . אבער האט מיך געבעטען, איך זאל איהם כאטש מארגען צושיקען א בריוועל, „וואס צערטליכער."

איך האב זיך אומגעקעהרט אהיים ; דעם מאן האב איך דערזעהן ערשט ביים עסען. ארימער זשאן ! צוערשט האט זיך מיר געגלוסט צו צולאכען זיך. ווייל וויא עס זאגט זיך ערגיץ אין א וואדעוויל, איז וויפיעל מען זעהט ניט דיזע אבגענארטע מענער, איז אימער קאמיש צו זעהען א נייעם...אבער מיין פערלאנג צו לאכען איז באלד אריבער, אויף זיין פלאץ איז ערשיענען א מין בענקעניש, א ווייבע, זאנדערבארע, וועלכע דער מאן האט נאך ביי מיר קיין מאהל ניט ארויסגערופען... זיין ארט טרינקען, לייגען צוקער אין קאווע, אבשיילען דיא באר, האט מיך אויפגערעגט דיא לעצטע צייט, ווייל מיינע נערוועו זיינען געוועו צורודערט אבער היינט אבענד האבען דיעזע אלע זיינען מאניערען מיך ניט געארט. איך האב געקוקט ווי ער צוהאקט דעם צוקער אויף קליינינקע פיצלאך; וויא ער צושניידט דיא באר אויף רייפטעלאך, הויבט אויף דעם קליינעם

פינגער ווען ער טרינקט, — און האב זיך געטראכט; „און דאָך, וואס פאר א גוטער ער איז! וויא איך האב איהם געערגערט דאס גאנצע יאָהר!...און דערצו בין איך איצט ווירקליך שולדיג געגען איהם...אָבגאָרען דעם מאן איז ניט קיין קלייניגקייט ... אָרימער יונג!

„איך וועל מאהן אלעס, אבי קיינער זאל זיך ניט דערוויסען!"

דעם גאנצען אבענד האבען מיר פריינדליך גערעדט. זשאן איז פיעל קלינער פון לאָדוויקען (ער איז א קליינער לעבע־יונג און האט ניט געקענט פערגרעסערען דיא פופצעהן טויזענד איינקונפט, וועלכע דער פאטער האט איהם איבערגעלאזען). אבער לודאָוויק איז אזא אויסגע־פוצטער! ער האט אזעלכע שעהנע אויגען! זעהר אן אנגענעהמער געליעבטער!

ווען מיר האבען זיך אויפגעהויבען צו געהן, אום צו לייגען זיך שלאָפען, האב איך זיך געפיהלט זעהר זאָנדערבאָר. עס וואלט מיר געווען אנגענעהם, ווען זשאן וואלט געוואָרען צערטליך, צודרינגליך אין זיינע צערטליכקייטען... אבער ער האט אפילו ניט א פרוף געטאָהן... איך האב דיא לעצטע צייט אזוי בייז בעגעגענט זיינע פערזוכען!... ווען ער וואלט אין דיעזער מינוט מיך ארומגענומען און א קוש געטאָהן. וואלט איך זיך בענאסען מיט טרעהרען און וואלט זיך איהם אין אלעס מודה געווען...

עס איז בעסער וואס ער האט עס ניט געטאהן. . . . . .

. . . .

איך האב זיך נור וואס ארייננע'גנב'עט אין זשאן'ס צימער, בין צונעגאנגען צו זיין בעט. איך האב זיך געזעצט לעבען זיין קישען און גע־קוקט, וויא ער שלאפט. עס האבען אויפגעלעבט אין מיין הארצען אלע אונזערע טהייערע געמיינשאפטליכע עראינערונגען — אונזערע ערשטע נעכט, דיא רייזע קיין איטאליען, דאס פראכטפאָלע יאָהר פון אונזער ליעבע. אָ, יא, איך האב איהם ליעב געהאט! און האט האבען מיר זיך שוין ניט ליעב, אָבוואָהל עס איז ניטא קיין קלאָרעס, בעשטימטעס,

וואס זאל אונז צושיידען! ווארום? ווארום?

... אויף מיינע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען. איך האב זיך אננעבויגען צו דער קישען, האָב א קוש געטאָהן דעם מאן אין זיינע האָאר. דערנאָך בין איך אנטלאָפען צו זיך.

... איצט האָב איך ניט ליעב לודאָוויקען; איך בין אין כעס אויף איהם דערפאר, וואס איך האב געהערט צו איהם...

און דאָך וויים איך זעהר גוט, אז דאָנארשטאג איבערמאָרגען, וועל איך ווידער געהן אויף דער גאס מאָנטעניע, צו לודאָוויקען!...

דאס קינד

(פון א פרוי'ס טאגע־בוך,)

... זינט איך האב אָבגענארט מיין מאן מיט לודאָוויקען, איז קיין איין טאג ניט געווען אזוי רייך מיט פאסירונגען, וויא דער היינטיגער, קיין איינער האט נים אזוי העל בלויכטען יענעם צושטאנד, אין וועלכען עס געפינט זיך מיין הארץ...

וויא איך האב נעכטען בעשלאָסען, האב איך זיך אין דער־פריה אָנגעטאהן אויף אויסצוגעהען. איך האב געזאגט זשאנען, ווען ער האט מיך צוטראָגענערהייד א פרעג געטאהן, וואוהין איך געה: „אין לואוור, מיין טהייערער!" און איך האב איהם א קוש געטאהן, וויא אימער, אין שטערען אריין.

ביים ראג פון אונזער גאס האָב איך גענומען א פוהרמאן און האָב זיך געהייסען פיהרען צו דאקטאָר גארניע. ער האט פאר־א־יאהרען גע־היילט מיין ארימע פריינדינע ראָזינע, ווען זיא איז אזוי שווער געגאנגען צו קינד... איך האב געמוזט ווארטען אויף איהם, אמווענינגסטען, אן אנדערטהאלבען שטונדען, און דיא גאנצע צייט זיינען אנגעקומען פרויען

יונגע און אלטע. צו וואס זיינען אלטע געקומען ?

ענדליך איז געקומען מיין רייהע. און איך האב זיך בעדארפט אויסטאהן — האב איך זיך אזוי פערשעהמט, וויא איך האב גארניט ערווארטעט... וואסזשע איז עס — שעהמעוודיגקייט ? איך שעהם זיך דאך גאר ניט ארומצוגעהן א נאקעטע פאר'ן מאן, פאר לודאוויקען... וואהרשיינליך, איז דיזע משוגע'נע ראזינע גערעכט, ווען זיא זאגט מיט א ציניש'ען שמייכעל :

„שעהמעוודיגקייט— דאס זיינען מאנסבילען, צו וועלכע איך האב זיך נאך ניט צוגעוואוינט"...

דער דאקטאר האט מיך אוועקגעלייגט אויף דער סאפע, האט מיך אויסגעהערט, אויסגעקלאפט (ער האט מיר ערלויבט צו בלייבען אין מיין אונטערשטער העמד) און ער האט געזאגט, אז איך שוואנגער.

... פון דאקטאר בין איך אוועק זאגאר א צופריעדענע. נאך צוויי מיט האלבען יאהר פון א פרוכטלאזען פערהייראטהען לעבען האב איך פערלארען די האפנונג צו ווערען א מוטער. אבער דאס קינד האט פער שפעטיגט אויף צעהן מאנאט. ווען עס ערשיינט אין צייט, וואלט איך וואהרשיינליך געבליבען אן עהרליבע פרוי. אבער צו וואס דער מוסר ! דאס פערגאנגענע וועל איך שוין ניט צורעכט מאכען.

איך האב געפיהלט א בעדירפניס צו ענטדעקען עמיצען מיין געד הייםענים, טאקע באלד. איך האב געזאגט דעם פוהרמאן : „גאס מאנ־ טעניע, נומער 22". דארט וואהנט מיין געליעבטער. עס איז געווען ערשט עלף אוהר, לודאוויק איז זיכער אין דערהיים.

איך האב איהם ווירקליך געטראפען, זאגאר אין בעט נאך. ער איז געווען אביסעל ערשטוינט, וואס איך בין געקומען אזוי פריה, אבער ער האט זיך געמאכט, אז ער איז שטארק צופריעדען. איך דיינק אבער אז מיין בעזוך האט צושטערט געוויסע פלענער זיינע. יעדערפאלס האט ער אפט געקוקט אויף'ן זייגער. אבער ווען א יונגער מאן ליגט אין בעט האט זיך נור וואס אופגעכאפט פון שלאף, — איז די אנוועזענדע פרוי

אין גרויס געפאהר... איך האב איהם געבעטען ליגען רוהיג און מיך אויסהערען. איך דארף איהם מיטטהיילען עטוואס זעהר וויכטיגעס.

איך מוז זיך מודה זיין, דיזעס וויכטיגע האט איהם ניט שטארק אופגעלייגט. ווען איך האב איהם דערצעהלט וועגען מיין געשפרעך מיט'ן דאקטאר און זיין הַעזולאט, איז לודאוויק געווארען ערענסט ער האט זיך אנגעבלאזען און געמורמעלט: „אט א מעשה!" איך האב שווייגענ־דיג געקוקט אויף איהם. ער האט געהאט מוטה צו פרעגען:

— און... וואס דיינקסטו צו טאהן איצט?

— אבער, מיין פריינד.. איך וועל טאהן דאס זעלבע, וואס אלע פרויען... איך וועל ווארטען נייען מאנאט און...

— און וואס וועט זאגען דיין מאן?

(לודאוויק איז איבערצייגט, אז איך לעב מעהר ניט מיט מיין מאן... דאס איז זינלאז, און איך פארשטעה ניט, ווי קאן א מענש, וועל־בער שפיעלט ניט צו ערשטען מאל א ליעבע מיט א פערהייראטער פרוי, דיינקען, אז מען קען אבזאגען דעם מאן אין צערטליכקייט און דאך אנהאל־טען מיט איהם גוטע בעציהונגען. אבער עס מאכט ניט אויס. אין אנפאנג פון אונזער ליעבע האט ער גענומען ביי מיר דאס ווארט, אז איך וועל מעהר ניט געהערען זשאנען. א מאנאט האב איך געהאלטען ווארט. דאס איז אלעס, וואס איך האב געקאנט טאהן; און איך דיינק, אז וועניגע פרויען אויף מיין פלאטץ וואלטען אפילו דאס געטאהן.)

— יא, — האט ער געזאגט, — מיר זיינען גוט אריינגעפאלען!

פון זיינע ליפען האבען זיך שיער ניט ארויסגעריסען מיאוס'ע פראזען. איך האב זיך אנגעשטויסען, וואס ער האט געמיינט: פערניכ־טען דאס פיצינקע בעשעפעניש, וואס האט נאך ניט אנגעהויבען לעבען אדער נאך אמאל איבערצוגעבען זיך דעם מאן, אום ער זאל זיך רעכענען פאר'ן פאטער פון קינד.

גאטעניו! וואס פאר פיינלינגע, וואס פאר נידערטרעכטיגע בריאות דיא מענער זיינען! זיי זיינען גרייט אויף דער מיאוס'טער זאך, אבי זיך

אויסצודרעהען פון געזעץ.

איך האב איהם ניט געפרופט בערוהיגען. איך האב זיך פער־שאפט דיזען פערגעניגען. פערקעהרט, איך האב נאך פערשטארקט זיין אונרוהיגקייט, האב געזאגט, אז איך וועל אימער געהערען איהם, נור איהם, און אז איך האב פעסט בעשלאָסען ניט אנצוקומען צו דער הילפע פון אקושערישע מיטלען איהר האט בעדארפט זעהען זיין געזיכט. אין דעם איז געווען מיין ראכע !...

איך האב איהם געוואלט אויספרובירען. איך בין אויפגעשטאנען, האב זיך צוגעלייגט אויף זיין בעט, האב צו געטוליעט מיין באק צו לודאָוויק׳ס. ביז מיין ווידוי וואלט איך ניט בעדארפט לאנג ווארטען... אבער איצט האט ערגעוואוסט, אז איך שוואנגער, און דאס האט, דוכט זיך, איהם עטוואָס אבגעשטויסען... ער האט זיך געמאכט צערטליך, אבער אלע זיינע ערנסטע אנשטרענגונגען (דערצו האָט זיך צוגעמישט זיין זעלבסטליעבע) האבען צו קיין זאך ניט געבראכט...

וויא טרויעריג דאס אלעס איז...

מיט זעהר א שווערען געמיטה האב איך זיך געלאָזט פאָהרען אהיים. איך האב געהייסען טרייבען דיא פערד, ווייל עס איז שוין געווען פריה־שטיק־צייט.

אויפ׳ן וועג האב איך נאָכגעדיינקט. איז דאס קינד ווירקליך פון לודאָוויקען ? יא, וואהרשיינליך ; מיט לודאָוויקען האב איך דיזען יאָהר געלעבט צעהן יאהר מעהר, ווי מיט מיין זשאן... אָבער פאָלקאָם איבער־צייגט בין איך ניט. א פרוי, וואס גיט זיך איבער צו צוויי, האט ניט קיין אונבעשטרייטבארען סימן, לויט וועלכען זיא זאָל קענען ענטשיידען ווער פון די צווי איז דער פאָטער.

זשאן האט געווארט אויף מיר. איך האב זיך פערשפעטיגט אויף א האלבע שטונדע. אבער ער האט מיר ניט געמאכט קיין פאָרוואורף. ער איז געווען פרעהלעך און ליעבליך, ווי אימער. וואס פאר א פראכטפע־לער מאן ! אָבער ער איז — א מאן !....

מיר האבען מיט אפעטיט און פרעהליך אבגעפריהשטיקט. אין אנפאנג עסען האב איך איהם געזאגט „איך דארף דיר דערצעהלען עס־וואס זעהר וויכטיגעס; איך וועל דיר דערצעהלען ביי דער קאווע״.

ווען מען האט דערלאנגט קאווע, האב איך זיך אוועקגעזעצט צו איהם אויף דיא קניע און האב איהם דערצעהלט מיין געהיימניס, אויפ'ן אויער. מיט קורצינקע פראזען, דורכגעמישט מיט קושען.

ווירקליך, איך האב געמיינט, אז ער וועט קראנק ווערען פאר אויפרעגונג...ער האט מיך געקושט, האט געלאכט, געוויינט, געשפרונגען איבערן עס־צימער, וויא א קינד... „טהייערע, קליינינקע מיינע! איז דאס אן אמת? דוא וועסט האבען א קינד! און ביז איצט האסטו געשוויגען, בעהאלטען עס פון מיר!... און איך האב אפילו ניט פערדעכטיגט!...

ער האט מיך בערוהיגט, האט מיר געצוואונגען אויפצושטעהן, זיך שטעלען מיט דער זייט, אום א קוק צו טאהן, „צו מען קאן שוין זעהן״ (דעם ערשטען מאנאט!)

דעם גאנצען טאג איז ער געווען מיט מיר שרעקליך צערטליך, ליעבליך אויפמערקזאם. אזוי וויא עס וואלט צוריקגעקומען אונזער האניג־מאנאט. איך בין זיכער, אז היינט אבענד וועט ער וועלען פערבלייבען ביי מיר אין צימער.

וואס פאר א טרויעריגע און אויך ריהרענדע איראניע: דאס קינד וואס איז ביי מיר אונטער'ן הארצען און וואס איז, וואהרשיינליך, ניט פון מאן, וועט מיך פערבינדען מיט איהם און צושיידען מיט'ן ליעב־האבער...

צוויי פאטערס

(פון א פרוי'ס טאגע־בוך.)

ווען איך האב פערלאזען לודאוויקען דעם טאג, וואס איך האב

איהם דערצעהלט וועגען מיין שוואנגערען, האב איך פעסט בעשלאָסען שוין מעהר צו איהם ניט קומען. אונזער בעגעגעניש איז געווען אזא טרויע־ריגע, זי האט מיר אזוי מיאוס בעלויכטען מיין געליעבטען, אז איך האב ניט געפיהלט קיין פערלאנג צו זעהן איהם נאָך אמאהל. און איך האב גערעכענט, אז דיעזער גאנצער ראָמאַן, האט זיך פאָלקאָם געענדיגט.

אָבער נעכטען אבענד, האט זיך מיין מאַן צוריקגעקעהרט פון זיין טעגליכען שפאציר־גאנג און האט מיר אָנגעזאָגט:

— איך בין געווען אויף דער גאס מאָנאטעניא א קוק צו טהאָן, וואָס עס מאכט אונזער פריינד לודאָוויק.

איך האָב איהם געמוסרט דערפאר, וואס ער האט אונז אין גאנצען פערגעסען, האט זיך א גאנצען מאָנאט ניט בעוויזען... ער האט אויסגע־טראכט עפעס א רייזע, האָט געזאָגט, אז ער איז געפאהרען נאָך עפעס א ירושה, צווישען אונז ריידענדיג, דיינק איך, אז דאָ איז פערמישט א א פרוי און ער האט אָן אונז פערגעסען, פערברייגגענדיג מיט איהר.

— איך האב איהם איינגעלאַדען צו אונז אויף מאָרגען צום פריה־שטיק.

איז עס ניט נאַריש. איך האָב איהם מעהר ניט ליעב, ער האט שלעכט געהאנדעלט געגען מיר, — און דאָך פערשאפט מיר א פערגעני־גען צו וויסען, אז ער וועט קומען, אז ער וועט זיצען ביי אונזער טיש, ווי פריהער, אז איך וועל איהם ווידער דערזעהען, וועל דערהערען זיין קול, זיין געלעכטער. און דערצו איז מיר געווען אנגענעהם צו טראכטען, אז ניט איך האב זיך צוריקגעקעהרט דיא ערשטע. מיין מאַן איז פלוצלונג איינגעפאלען צו ברייגגען איהם. אזוי דיינק איך, איז מעהר אנשטענדיג.

א גאנצען אבענד האָב איך געטראכט וועגען זיין קומען. און דער־זעלבער געדאנק איז געווען דער ערשטער היינט אין דער פריה, ווען איך האב זיך אויפגעכאפט, איך האב אזוי אויפמערקזאם צוזאמענגעשטעלט די שפייזען און אכטונג געגעבען אויף דער קעכין, ווי איך האב עס שוין ניט געטאָהן זייט אונזער שיידונג: דערנאָך האב איך זיך אָנגעטהאָן

און איך מוז מודה זיין — איך האב זיך אָנגעשטרענגט אויסצוזעהען אינטערעסאנט.. גליקליכערוויזע, קאן מען נאך אויף מיין פיגור ניט בעמערקען, אז איך בין שוואנגער, נור דיא ברוסט איז געוואָרען עטוואָס פולער; דער קאָליר פון פּנים איז נאך אלץ אזוי פריש.

לודאָוויק איז געקומען א פּאָר מינוטען פאר צוועלף. דיא דיענסט האט איהם אריינגעפיהרט אין גאסט-צימער. דערנאך האט זיא מיר עס אָנגעזאָגט מיט דעם בעקאנטען אמאָהליגען טאָן, וועלכער האט מיך זעהר דערפרעהט, אזוי וויא עס וואלט זיך אומגעקעהרט א פערלאָרענע מהייל פון מיין לעבען:

— מאדאם... דאָס איז העדר לודאָוויק.

— זאָגט דעם העדר ער זאָל איהם אויפנעהמען, — האב איך געענטפערט — איך וועל באלד זיין פערטיג.

דעם אמת זאָגענדיג, בין איך שוין געווען פערטיג, אבער איך האב ניט געוואָלט באלד בלייבען מיט לודאָוויק'ן אויג אויף אויג.

איך בין ארונטער פונקט צום עסען. זשאן און לודאָוויק האבען פריינדליך גערעדט. דערזעהנדיג מיך, איז לודאָוויק אנשוויגען געוואָרען אין דערמיט פון א פראזע; מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז ער איז בלייך געוואָרען. מיר האבען זיך געדריקט דיא הענד. איך האב געזאגט, אז דאָס עסען איז פערטיג, און האב איהם גענומען אונטער'ן האנד. אין קאָרידאָר האט ער מיך צוגעטוליעט צו זיך... זשאן איז געגאנגען אינטער אונז.

דער פריהשטיק איז געווען ניט זעהר קיין פרעהליכער. זשאן האט אונבעדינגט געפאָדערט פון זיין פריינד אן ערקלעהרונג פארוואס מען האט איהם ניט געזעהען א גאנצען מאנאט און האט געזאָגט, אז דערין איז שולדיג א פרוי. ס'פערשטעהט זיך, אז לודאָוויק האט ניט געוואגט אין מיין אנוועזענהייט צו רעדען קלאָהר. דערנאך האט זשאן אָנגעהויבען געבען אנצוהערנישען, אז איך בין שוואנגער, האט זיך געפרעהט דערמיט. מיר האט וועה געטאהן, וואס ער שטעלט זיך אין אזא לעבערליכער

לאנגע. ענדליך, איז דער געשפרעך אריבער אויף עפּעס א וויכטיגעס בערזע־געשעפט.

נאך'ן עסען האט מיין מאן געמוזט באלד פאהרען אויף דער בערזע. לודאָוויק האט געוואלט אויס אנשטענדיגקייט פאהרען צוזאמען מיט איהם; אבער זשאן איז בעשטאנען, לודאָוויק זאל בלייבען מיט מיר ווייל ער איז אין גאנצען פריי. איך האב דורכגעלעזען אין דיא אויגען פון מיין געוועזענעם ליבהאבער א פראגע, א ביטע. און מיינע אויגען האבען איהם געענטפערט: בלייב!

בלייבענדיג אליין אין גאסט־צימער, זיינען מיר געזעסען און גע־שוויגען פערשעהמטע. אויפן טיש איז געלעגען א ראמאן, וועלכען איך האב נור וואס דורכגעלעזען און איבער וועלכען איך האב פיעל געוויינט, איך האב גענומען דעם בוך און צוטראגען א פרעג געטהאן.

— האט איהר עס געלעזען? זעהר אינטערעסאנט.

אבער ער האט ניט געענטפערט. ער האט זיך אראָבגעלאזט אויף דיא קניע פאר מיר, האט אבגעפיהרט מיינע הענד פון בוך; דער בוך איז ארונטערגעפאלען. און ער האט אנגעהויבען בעדעקען מיינע הענד מיט קליינע, שנעלע־שנעלע קושען, שעפּצענדיג נור מיין נאמען: „סימאָנאַ!"

און פיהלענדיג זיינע ליפען אויף מיין האנד, האב איך פערשטאנען אז איך ביז גליקליך דערפון, וואס ער איז לעבען מיר, איך האב פער־שטאנען, אז אונזער ליעבע האט ניט אויפגעהערט, אז דיא צוקונפט וועט אונז נאך ברייננען גליק... ער האט זיך אלץ מעהר צו היצט, האט פער־לארען דעם זינען. ווען מיר איז געלונגען צו בערוהיגען איהם, האט ער זיך געזעצט לעבען מיר און מיר האבען אנגעהויבען א ליעבליכען געשפרעך ער האט מיר דערצעהלט, ווי שטארק ער האט געליטען דיזען מאָנאט; איך האב איהם געענטפערט, אז איך האב אויך געליטען. ס'איז א ליגען מיר ווייסען ביידע, אז מיר האבען ניט געליטען; אבער א פאקט איז, אז ווען מיר וואלטען זיך ווידער צושיידט, וואלטען מיר געליטען... דערנאך

האט ער פערשעהמט געפרעגט,ווי זשאן האט אויפגענומען מיין שוואנגערן.

— איך האב איהם איינגערעדט,— האב איך געענטפערט,— אז ער האט מיך געצערטעלט איין אבענד, ווען ער איז געקומען שפעט פון עפעס איין אונטערהאלטונג.

לודאָוויק האט געגלויבט. האט ער טאקע געגלויבט?...אם ווייניגסטען, האט ער געמאכט אן אָנשטעל.

דערנאך האבען מיר אנגעהויבען רעדען וועגען דער בייבי. ער האט מיך נייגעריג געפרעגט וואָס איך פיהל; איך האב זיך אנגעשטויסען אז ער איז דאך צופריעדען, וויא אלע מענער, צופריעדען און עטוואס שטאלץ אויף דעם, וואס פון איהם ווערט געבוירען א קינד. ביי איינינע פראגען האבען מיר זיך ביידע שטארק פערשעהמט. ווען איך וואלט ניט מורא געהאט אז אימיצער קען אנקומען, ווייס איך ניט, מיט וואס עס וואלט זיך געענדיגט... איך האב געפיהלט, אז מיין ווילען ניט זיך אונטער,— און האב געהייסען לודאָוויק'ן אוועקצוגעהען. פערשפרעכענדיג איהם, אז מאָרגען וועל איך זיין ביי איהם.

יעצט ווען איך בין אליין, האט זיך דיא אויפרעגונג דערפון, וואס אונזער ליעבע האט זיך בעניים, נאך ניט איינגעשטילט. איך וואלט וועלען, אימיצער זאל זיין לעבען מיר, זאָל מיך צערטלען, רעדען זאנפט מיט מיר.

... איך בין זעהר צופריעדען וואס לודאָוויק האט שוין ליעב דיא קינד געליבטע קינד! איך זעה איין, אז זיא וועט ווירקליך האבען צווי' פאטערס.

מוטערשאפט

(פון א פרוי'ס טאגע־בוך.)

... צום ערשטען מאָל זייט איך בין געלעגען געווארען איז מיר געלונגען צו בלייבען אליין; די קינד איז לעבען מיר. איך האב געזאָגט, אז איך פיהל זיך גוט אז איך וויל זיך בענוצען דערמיט, וואס דער פיבער האט אויפגעהערט, אום אנצו־שרייבען א בריעף דער מאמען. אין דער אמת'ן אבער האט זיך מיר געגלוסט ערנסט א שמועס צו טאָהן מיט זיך אליין, זיך בעפרייען כאָטש אויף עטליכע מינוט פון'ם דאָקטאָר, פון דער אַם בעזונדערם — פון'ם מאן.

מיין מאן! ער איז דאָך געווען אזא גוטער, אנגענעהמער יונג אין דער צייט פון דיא לעצטע פאסירונגען! וויא איך האב איהם געמאטערט מאָנאטען־לאַנג מיט דיא משוגעת'ן פון מיין געמיטה! ער האט נור געשמייכעלט, ליעבליך, כמעט וויא מיין פאטער; מיינע קאפריזען האבען איהם זאָגאַר אזוי ווי געפרעהט, יעדעס מאל דערמאָנענדיג איהם, אז איך וועל ווערן מוטער אז באַלד וועט אין הויז ערשיינען א ניי קליינצינקעס בעשעפעניש, א בעוועגענדעס, א שרייענדעס, א לעבעדיגעס — א פיצעלע בעשעפעניש, וואס ער האט בעשאפען.

ווייל דער ארימער זשאן האט אויף א מינוט ניט געצווייפעלט, אז דער פאָטער איז ער.

איך מוז מודה זיין,—זיין זיכערהייט, זיין פרייד, האבען מיך אויפגערעגט. דערפאר וואס ער האט ניט געוואוסט דעם אמת, האבען אלע זיינע ווערטער פון צערטליכקייט און ליעבע אנגענומען עפּעס א קאמישען, לעכערליכען כאַראַקטער, און איך האב אנגעהויבען צו האַסען אי זיי, אי דעם, וואס האט זיי ארויסגערעדט ווי אונגלויבליך עס זאל ניט קלינגען, האט דיעזע נערוועזע אויפרעגונג א צוויי־דריי מאָל שיעור ניט ארויסגעריסען ביי מיר דיא געהיימניס. א צוויי־דריי מאל האב איך שיעור אויסגעשריען:

— שוויג! ניט פון דיר בין איך שוואַנגער געוואָרען, פון לודאָוויקען, הערסט? פון לודאָוויקען, פון לודאָוויקען, פון לודאָוויקען!...

און איך פלעג זיך צונויפדרעהן אויף מיין געלעגער, אום ניט צו הערען וואס זשאַן רעדט, און אום צו דענקען וועגען דעם אבוועזענדען ...

יעצט, וואס האבען עס ניט איבערגעלעבט, קענען זיך קוים פארשטעלען, וואס פאר ליידען עס פערשאפט. דיא פרייד צו זיין א מוטער, דיא ערשטע צייט, ווען דאס קינד קען מען נאך ניט ליעבען, שטאַמט דאָך הויפּטזעכליך, דערפון וואס דוא פיהלסט, אז די ציטעריגע צערטליכקייט פון דעם געליעבטען מענשען האט

זיך אין דיינע געדערים פערוואנדעלט אין א לעבעדיגעם וועזען״, אז עפעס זיינס א טהיילעכעל לעבט אין דיך. און עס ווילט זיך בעהאלטען אין זייבע ארעמס און שעפצען:

„זעה נור, ווי נערוועז איך בין, וויא עס טהוט מיר וועה, ווי עס ווילט זיך מיר וויינען!... דאס פייניגט מיך אזוי געהיימעניספול דיין צערטליכקייט. נעהם מיך, דריק מיך צו זיך, טרייסט מיך. איך לייד דורך דיר; אבער איך האב ליעב דאס ליידען, וועלכעס שטאמט דערפון, וואס מיר האבען אזוי הייס געליעבט איינע רעם צווייטען.״

ליידער! ווען דו ווערסט א מוטער דורך א ליעבהאבער, איז יענער, וואס איז אויסער זיך פון דיינע ליידען, וואס שטאלצירט דערמיט, וואס ער האט פערורזאכט אין דיר דעם ווידערגעבורט פון זיין לעבען, — ער איז גאר פרעמד צו דיר אלס מוטער. זיינע טרייסטענדע, צערטליכע ווערטער זיינען אזוי גלייכגילטיג פאר דיר, וויא דיא ווערטער פון דאקטאר, אבער דער דאקטאר בעפוצט זיי ניט מיט פאטעטליכע פרעטענזיעס... יעדעס ווארט זיינס, אין וועלכען עס הערט זיך א פאטערליכע פרעטענזיע, בעליידיגט די צארטעסטע ווינקלען פון דיין הארצען; דאס איז א בעליידיגונג געגען דיין אפוועזענדען ליעבהאבער. עפעס א מין פערזוך אוועקצונעהמען א פרעמד קינד... און מען מוז דערשטיקען אין זיך דעם פערלאנג אויסצושרייען דעם גאנצען אמת.

..מיט דיעזע עטליכע מאנאטען פון מיין שוואנגערען, אויג אויף אויג מיט׳ן מאן, האב איך ביז׳ן סוף קאליע געמאכט דיא פריידען, וועלכע עס האט מיר געבראכט מיין אונטערהייט.

און דיעזע פריידען, — וויא קליין זיי זיינען! ווען איך טהו א טראכט וועגען זיי, לאך איך פון זיך אליין אדער איך וויין.

ווייזט אויס, ביי מיר איז ניט אזא הארץ, וויא ביי אנדערע פרויען. איך קען דאך ניט גלויבען, אז דאס וואס איך האב דורך געלעבט מיט לודאוויקען צוויי מאל א וואך אין צייט פון האלב יאהר, — אז דאס איז יענע פערבאטענע ליעבע וועלכע ווערט אזוי אפט בעשריעבען פון ראמאניסטען.

איך שווער ביי מיין געוויסען, איך שווער ביים קאפ פון דער נור וואס געבארענער טאכטער,—דיעזע זעקס מאנאט האבען מיר ניט געגעבען אזא גליק, וואס זאל קאנען בעלוינען פאר דיא דורכגעלעבטע ערנידערונג און דראהענדע געפאהר. דיא הייראט האט מיר אם ווענינסטענס געגעבען דיא אילוזיאן, אז מען האט מיך צערטליך ליעב און נאך יעצט פיהל איך, אז, ניט קוקענדיג אויף אלעס, פיהלט נאך זשאן צו מיר אזא איבערגעבענהייט, וועלכע איך האט קיינמאל ניט געזעהן ווען איך זאל ניט רעכענען מיין "איינינע פאמיליע... און לודאוויק!... פון׳ם ערשטען טאג ביז׳ן לעצטען איז מיר אויפ׳ן געדאנק ניט ארויפגעקומען צו ערווארטען פון איהם אמת׳ע צערטליכקייט, אמת׳ע איבערגעבענהייט. איך בין געווען פאר איהם אן אנגענעהמער צייט פערטרייב און מעהר גאר גישט... פון מיינע וויזיטען צו איהם אויף דער גאס מאנטעניא זיינען אין מיינע ערינערונגען פערבליבען נור איינינע מינוט פון געשלעכטליכער פרייד! דעמאלט האב איך זיי געשפירט, וויל, ניט

אכטענדיג דערױף. זואס דיעזע מינוטען האבען גאר ניט אנגעפילט די שרעקליכע פוסטקייט אין מיין הארצען, בין איך דאך יעדען מאל ווידער געקומען !... איצט האבען גייסטיגע ליידען און פיזישע וועהטאגען, וואהרשיינליך, טעמפ געמאכט מיין לייד. אנשאפטליכע פיהלבארקייט.. ווייל מיט אבשיי, כמעט מיט אימה, דער־מאהנ איך זיך אן דיעזע פראסטיטוציאן...

איך האב ארויסגענומען מיין טעכטעריל פון וויעגעל, איך האב גענומען אין דיא הענד דיעזען בינטעל פלייש, איך האב זיך צורעדט מיט איהר און האב איהר געזאגט.

„מיין ארעם פיצעל ! טרויעריג ביזטו געקומען צום לעבען, מיט א שטעמפעל פון בעטרונג. דוא ביסט געבוירען געווארען דורך דיא צוזאמענגעקומענע קאפריזען פון א עגאאיסטישען מאן און א ליידיג־געחענדער פרוי...איך זעה, אז, צום גליק, האט ער דיר געגעבען א שטארקען, געזונדען קערפער. אבער וואס פאר א נשמה האסטו גע'ירש'ט פון איהם ! מיר האבען דאך גארניט געטראכט וועגען דיר אין דעם טאג, ווען איך בין שוואנגער געווארען מיט דיר ! אבער איצט, ווען דו ביסט געבוירען געווארען, האב איך דיך זעהר ליעב און וואלט געוואלט, זאלסט מיר פערצייהען יענע לייכטזיניגע זינד וועלכע וויקעלט דיך ארום פון דיין געבוירען אן. איך וועל דיך ערציהען, ווי נור איך וועל קענען,— דאס זאג איך דיר צו. לעבען דיר וועל איך ווערען ווידער ריין, כדי דוא זאלסט קענען אכטען דיין מוטער. איך וועל זעהן צו ענטוויקלען אין דיר א ליעבע צו א פראסטען, נארמאלען לעבען, איך וועל אויפשטעלען צווישען דיר און אויסגעלסענ־הייט אלע שטרונגען — א שטרענגע וואך וועלטליכע מאראל, רעליגיאן... איך וויל בעסער, זאלסט זיין בעגרענצט מיט פיעלע פאראורטהיילע, ניט אינטעליגענט, אפי זאלסט בלייבען דאס, וואס עס האט אויפגעהערט צו זיין דיין מוטער: אן ערליכע פרוי !...“

צו אונזערע פארשטענדיגע לעזער.

איבער אונזערע נייע ביכער פון פראפעסאר מאנטעגאצא.

עס זיינען פאראן געפיהלען וואס זיינען אזא נאטירל־כער טהייל פון דעם מענשען, ווי עס איז נאטירליך א האנד, אן אויג אדער א פינגער אלס א טהייל פון דעם מענשענס קערפער.

אבער גראדע דערפאר ווייל עס איז אזא נאטירליך געפיהל דאריבער שטעלען מיר זיך אויף דעם ניט אפ.

פרופט אבער הערען די ערקלעהרונגען פון א וויסענשאפטסמאן, וועגען דער בעדייטונג פון א פינגער. וועט איהר, זעהן, אז עס עפענען זיך פאר אייך נייע וועלטען. גאנצע וועלטען איבער אייער אייגענעם פינגער.

אויב דאס איז אזוי אין א פיזישען טהייל פון אונזער קערפער ווי מעהר אין ווי קאמפליצירטער איז נאך די פראגע אין יענער וועלט פון געפיהלען, וועלכע זייגען אזוי געהיימעניספול פאר אונז. אבוואהל דאס זייגען אונזערע אייגענע געפיהלען — א טהייל פון אונזער לעבען!

און אויב עס איז אזוי אין דער וועלט פון געפיהלען אין אלגעמיין, הייגט א פשיטא שוין דאס געפיהל פון ליעבע יענע פארשטענדליכע צוציהונגס־קראפט פון איין געשלעכט צום צווייטען, וואס עס איז דאך פאר אונז אזוי בליגד און אונפערשטענדליך!

מיר זעהן אין לעבען דיא וואונדערליכע ווירקונגען פון דיזען געפיהל און עס ערוועקט אין אונז טויזענדערליי פראגען:

פארוואס עפעס דיינקט און פיהלט אייגער, אז דוקא דיזע און דיזע בעשטימטע פערזאן קאן איהם גליקליך מאכען? זיא איז דאך ניט די איינציגע אויף דער וועלט, ניט די שעהנסטע אויף דער וועלט, ניט דיא קליגסטע און ניט דיא פערגינפטיגסטע פון אלע אנדערע, נור פאר איהם איז זיא דוקא די איינציגע, אדער פאר איהר איז ער דוקא דער איינציגער אויף דער גאנצער וועלט!

מיר לעזען די ראמאנען, אין וועלכע דיא קינסטלערישע שרייבער וועבען פאר אונז די פאסירונגען פון דער ליעבע — אונזער הארץ ווערט צונומען, אונזערע אויגען ווערן פייכט פון טרעהרען: קאקעסטווא, ראכע, אייפערזוכט, וואהנזינן, מארד, זעלבסטמארד, צערטליכקייט, זעלבסט־אויפאפפערונג, צולאזענקייט — גוטעס און שלעכטס, טוגענד און זינד, גליק און אונגליק, פרייד און טרויער, אלעס קאן זיין א פאלגע פון דער ווירקונג פון יענעם געפיהל אין מענשען, וואס מען רופט די ליעבע.

אט דיא נאטור פון דיזען געפיל, דיא געשיכטע פון דיזע נייגונגען, דיא וויסענשאפטליכע שילדערונג פון דער ליעבע: וויא אזוי דיא ליעבע איז אין דער נאטור פון פלאנצען אין חיות, וויא אזוי דיא ליעבע איז אין מענשען און די אלערליי מינים ליעבעס. ווארום יעדער ליעבע איז אויף אן אנדער אופן און אלעמענס ליעבע איז, דוכט זיך, דיזעלביגע זאך: די צערטליכקייט פון דער ליעבע די ליידענשאפטען פון דער ליעבע, די אייפערזוכט פון דער ליעבע, די ליעבע אויס ראכע, די ליעבע אויס לאנגוויליגקייט, די ליעבע אויס תאוה אויס ליידענשאפט — קורץ אלע שאטירונגען, איהרע ליכטיגע זייטען און איהרע שאטען־זייטען, דאס אלעס ערקלעהרט אונז פ ר אָ פ ע ס אָ ר מ א נ ט ע ג אַ צ צ אַ אין זיינע ווערקע, וועלכע מיר פאנגען אן ארויס צו געבען פאר דעם אידישען לעזער.

דאס ערשטע ווערק פון פ ר אָ פ ע ס אָ ר מ א נ ט ע ג אַ צ צ אַ

פאנגען מיר אָן מיט דעם בוך:

דיא קונסט צו ליעבען און געליעבט צו ווערן.

בעארביימעט און איבערזעצט אין יודיש פון מ. קאץ.

דיזעס ווערק, וועט געוויס אנמאכען א שטורם צווישען דאס לעזע פובליקום.

זא וואס איז נאך אין יודישען ניט געווען.

דער שרייבער דרינגט אריין אין די פערבארגענסטע ווינקאלאך פון אייער נשמה און צוגליעדערט אייערע איידעלסטע געפיהלען מיט וועלכע איהר לעבט, מיט וועלכע איהר אטהעמט — די ליעבעס געפיהלען. איהר דערזעהט זיך אליין א נאַטירליכער, ווי איהר זיינט, א מלאך אדער א טייפעל. איהר זעהט אין מעסט אייערע אייגענע געפיהלען און איהר ווייסט צו איהר ליעבט אדער איהר ליידעט פון א פאראיבערגעהנדע קריינק מיט דעם נאמען „ליידענשאפט״.

דער שרייבער לעהרענט אייך ו ו י א צ ו ל י ע ב ע ן און ווי ווערטה צו זיין ג ע ל י ע ב ט צ ו ו ו ע ר ן.

דאס איז א ווערק, וואס דארף פאראיידעלען דעם מענשען, מאכען איהם רייגער, עהרליכער, ליעבליכער און טרייער, דען ער הויבט אן צו פארשטעהן יענע ווינקאלאך פון זיין אייגענע נשמה, וועלכע קאנען נור בלויכטען ווערן מיט דעם ליכט פון וויסען.

דער פערפאסר פראָפעסאָר, פ אַ אָ ל אָ מ אַ נ ט ע ג אַ צ אַ, איז איינער פון דיא בעדייטענדסטע וויסענשאפטס-מענער, ניט נור אין איטאליען, וואס איז זיין היימאטס-לאנד, נור אין גאנץ אייראָפא און אמעריקא — אין דער גאנצער ציוויליזירלער וועלט. ער איז פאר לאנגע יאהרען געווען פראָפעסאָר פון פיזיאלאגיע פריהער אין פאַוויאַ, דערנאך אין פלארענץ. זעלטען איז צו געפינען אזא קענער פון מענשען און פון מענשליכע הערצער, ווי א מ אָ נ ט ע ג אַ צ אַ. דערצו איז ער א וואונדערליכער פאעט אין שילדערן זאכען.

פאר דעם יודישען לעזער וועלען פראפעסאר מאנטעגאצצאַ'ס ביכער זיין איין אוצר, איין קוואל פון וואנען צו שעפען ריינע ליעבעס געדאנקען פון דעם ליעבעס-ווייגקעלער פון זיין אייגען הארץ.

וועגען דיא אנדערע ביכער פון מ א נ ט ע ג א צ צ א וועלען מיר ריידען מיט דיא לעזער גאָר אין גיכען.

אכטונגספאל דיא פארלעגער

ווילנא פאבלישינג קאמפאניע 167 איסט בראדוויי
ניו יארק.